# ילקוט וואָהלין

בריוו פון 3 שטעט אין וואָלין
דער טויט מאַרש פון אליקער יידן
אחינו בנ"י אין וואָלינער דערפער
די אונפאַרענדיקטע סימפאָניע
בײַמלעך בײַם ריזשינער שטיבל
תלמוד־תורה און עסקנים אין סאַרני
כ'דאַווען פון האַרצן אַרויס א סידור
ר' נתן נטע האַנאָווער פון זאַסלאַוו
פשוטע זעלטענע יידן
וואָס דאַרפן מיר דערציילן
ביכער וועגן געפאַלענע זין אין ישראל
יזכור ביכער: לוצק, קאָוועל
שמואל פּיסיוק ז"ל ✱ אין וואָלינער פאַרבאַנד

32

באַנד 4, זאַמלונג 32 ילקוט ווהלין אב תשל״א — יולי 1971

ווער און וואָס אין ילקוט, 3

בריוו פון וואָלין, 5

יידישע דערפער אַ מקום מקלט, אנשל לעבענדיגער, 8

כ'דאַווןָ פון האַרצן אַרויס אַ סידור און אַנדערע לידער, אמיר גלבוע, 11

די אומפּאַרענדיקטע סימפאָניע פון מיין שטעטל, מאיר טובלין, 12

בערעזנעביימלעך אין ריזשינער שטיבל, אליהו מאנדעל, 14

אין געיעג נאָך עולם הבא, משה בורקא, 16

וואָלין, ליד, יוסף פערלשטיין, 17

ר' יוזיפ בעל־עגלה, אברהם גערשענזאָן, 18

דער טויט פון אַליקער יידן, בערל גל, 20

אַ בעטלער ביי מיין פלויט, דערציילונג, העלען בורקא, 25

ר' נתן־נטע האַנאָווער, עמנואל פּאָלאַק, 28

וואָס דאַרפן מיר דערציילן, חיים דן, 34

ספר יענקעלע אביתר, אברהם ירון, 36

ספר אברהם רענן, נ. ל., 38

יזכור ספרים: לוצק, קאָוועל, שעיה שיכאַטאָוו, 41

פון וואָלינער פאָלקלאָר, ייד און מוזשיק, דב גלבוע, 44

שמואל פיסיוק ז״ל —

דער סוד פון נדבנות, נ. ליבנה, 46

די אידעאַלן פון שמואל פיסיוק ז״ל, זלמן ראַזאָווסקי, 47

אין וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד אין ישראל, 48

אין וואָלינער פעדעראַציע אין ניו־יאָרק, 40

**YALKUT WOLYN**
Quarterly
Edited by NATHAN LIVNEH
Published by the World Union of Wolynian Jews in Israel
Tel-Aviv — New-York

רעדאקטאר: נתן ליבנה

ארויסגעגעבן פון יידישן וואלינער וועלט פארבאנד
תל־אביב—ניו־יארק

אדרעס פון פארבאנד אין ישראל:
היכל יהדות ווהלין, גבעתיים, רח׳ כורזין, טל. 740621
אדרעס פון אמעריקאנער פעדעראציע: Federation of Wolynian Jews Inc., 976 East 28th Street, Brooklyn N.Y. 11210. Phone ES 72758.

אדרעס פאר מאנוסקריפטן: ת. ד. 2180 רמת־גן, ישראל
טעלעפאן פון רעדאקציע: 729824, רמת־גן

אַלץ, זאָגט מען, איז אַ געווינהייט. אויך אונדזער צוגאַנג צו וואָלין. מיט אונדזערע „גייסטיקע אויגן" זעען מיר די וואָלינער שטעט און שטעטלעך, מיט זייערע יידן „קינד־און־קייט", ווי זיי האָבן געלעבט „אַ מאָל". געוויס. אָבער וואָס איז מכוח יידן וואָס לעבן (אפשר) אין וואָלינער שטעט און שטעטלעך אויך

## ווער און וואס אין ילקוט

היינט? יידן וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט באַוויינען די חורבות — און דאָך פאַרבליבן. יידן פון צווייטן און דריטן דור?

ביז היינטיקן טאָג ווייסן מיר וועגן זיי זייער ווייניק. געמיינט האָבן מיר אַז אין די אַלע מקומות זענען קיין יידן מער ניטאָ בכלל. כלו כל הקצין. ווייזט זיך אַרויס אַז מיר האָבן זיך אַ ביסל טועה געווען. אויך איצט לעבן יידן אין וואָלין. אויב ניט אין די קליינע, איז אין די גרעסערע שטעט און שטעטלעך. בפרט אין די וואָס זענען צווישן ביידע וועלט־מלחמות געווען אין סאָוועטישן געביט: זוויהיל, זשיטאָמיר, טשודנעוו א.א. על כל פנים אין רעדאַקציע פון ילקוט האָבן זיך ביז איצט אָנגעקליבן עטליכע בריוו פון דאָרט. און וואָס מיט כלל ישראל אינעם לאַנד פון לויטער אידעאַלן איז אויך מיט זיי. אויך זיי שפּירן דאָס בלאָזן פון אַנטיסעמיטישע ווינטלעך; אויך זיי נויטיקן זיך אין אונדזער הילף. נאָך ווי אַזוי נויטיקן זיי זיך!

מיר ברענגען דאָ „פּריוואַטע" בריוו פון די דריי דערמאָנטע שטעט אין וואָלין. און אויב טשודנעווער וועלן אַ ביסל „דערקענען" זייער שטעטל, מעגליך אַז די אַנדערע וועלן בלייבן אַ ביסל אַנטוישט, ווייל וועגן די יידן אין די אַנדערע צוויי וואָלינער שטעט און וועגן די שטעט בכלל, רעדט זיך ניט כמעט אין די בריוו. דאָך, אויב מיר וועלן לייענען אויך „צווישן די שורות" וועלן מיר לערנען אַ סך וועגן זיי און זייער לעבן, דאָרט. און וועגן זייער האָפנונג, וואָס האַלט זיי ביים לעבן. אין דער בריוו פון זוויהיל, למשל, קאָנען מיר שפּירן די קאַלטע ווינטן וואָס בלאָזן און די „פלעמעלאַך פון די חנוכה־ליכטלעך" (סימבאָל פון יידישער גבורה) וואָס דאַרפן שפּאַנען אין דער גאַנצער וועלט און פאַראייניקן יידן ווו נאָר זיי זענען. אויך אין די „פּינצטערנישן"... פון דער דריטער בריוו זעען מיר דאָס עקאָנאָמישע, טאָגטעגליך לעבן פון אַן אינטעלעקטועל פאַר פאַלק, וואָס איז אַרויס אויף פּענסיע. מע קאָכט אַ יויך פון פּעטרישקע און די יויך „שמעקט מיט פרילינג". און ווען מע פאַרבראַקט נאָך דערצו אַ מעערל... יידן פון דעם דור, נאָך אַזאַ וועלט־מלחמה און פאַרשידענע אַנדערע, באַוווּסטע, צרות — לײדן פון פאַרשידענע מיחושן. אָבער ס'ניט אַזוי לייכט צו קויפן די אַלע נויטיקע רפואות און פראַשקעס אָנעם געהעריקן „פאַליקליניטשעסקן" סטעמפּל. אויך ווען די פרוי איז אַרצטין. וועגן אַ „געפלאַכטענעם קוילעטש" ר ע ד ט מען. דאָס דערמאָנט אַ וודאי דער מאַמעס שבת'דיקע מאכלים. פון אַ מאָל. וועגן קעז וויצלט מען זיך: „פון מילך פון אַ צאַפּ". אָבער „מאָראַליש איז מען געזונט". אויך דער הומאָר איז אַ געזונטער. און בכלל איז געזוגטער „איינגעמען אַ לעפל לאַכן איידער וויינען". און ווען לאַכט אַ ייד?

אַ לעבעדיקער גרוס פון יידן אין איצטיקן וואָלין וואָס פאַרקלעמט אַ ביסל ביים האַרצן...

★

דער „פאַרכישופטער קרייז" פון וועלכן מיר וועלן זיך ניט באַפרייען נאָך, אפשר, דורות לאַנג, איז געוויס די שוידערלעכע היטלער־קאַטאַסטראָפע וואָס איז ביז איצט געבליבן אונבאַגרייפלעך. דו דערזעסט פאַר זיך דעם גרויסן אומגליק ניט אַזוי ווען ס'פּלאַטערט פאַר דיינע אויגן דער גרויסער צאָל פון זעקס מיליאָן קדושים נאָר ווען דו צעטיילסט די צאָל אויף די הונדערטער און טויזנטער אומגעקומענע קהילות און די קהילות אויף יחידים... איז דאָך יעדער מענטש (...פון ישראל, לויט פרקי אבות) אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך. טאָ מאַך אַ חשבון...

די יזכור־ספרים נאָך די אומגעקומענע קהילות, אויך די „ווייניקער געלונגענע", זענען, אַלע צוזאַמען, אַז אוצר וואָס מיר מעגן זיך דערמיט רימען, און ניט ווי אַ טייל פון אונדז פּרוּווט זיי אַוועק מאַכן מיט דער האַנט. וואָרן די אַלע ספרים זענען געמיינזאַמע יצירות, שאַפונגען פון הרבים און במילא באַקומט זיך אַ לעבעדיק, געטריי בילד פון יעדער קהילה. און אין אַ סך ספרים — מצבות אויך פאַר אַ סך איינצעלנע.

דאָס איז געזאָגט סיי אַנטקעגן די רעצענזיעס וועגן יזכור ספרים וואָס מיר באַמיען זיך ברענגען אין יעדן ילקוט, סיי אַנטקעגן זכרונות וועגן אומגעקומענע קהילות וואָס צו זייער אָנדענק זענען נאָך ביז איצט קיין ספרים ניט דערשינען. די זכרונות פון ב ע ר ל ג ל פון ניו־יאָרק וועגן דער פאַרניכטונג פון אָליקער געטאָ וואָס מיר ברענגען אין איצטיקן נומער איז אַ פיין רינגל אין דער קייט פון דער געשיכטע פון דערוויל „ביכערלאָזע" קהילות וואָס מיר

האָבן געבראַכט אין די פאַריקע ילקוטים.

★

מיר האָבן שוין ניט איין מאָל באַטאָנט, ולהוי ידוע: ניט בלויז קדושים „וואָס האָבן אויסגעשטרעקט זייער האַלדז צו יעדן אויסגעשאַרפטן מעסער, צו יעדער פאַרלייגטער האַק” (ביאַליק), זענען געווען וואָלינער יידן. ס'זענען געווען צווישן זיי אויך קעמפער, פאַרטיזאַנען, העלדן (דאַדיאַ מישאַ און זיין גרופּע, די קעמפער אין טוטשינער געטאָ און אַ סך אַ סך אַנדערע).

על אחת כמה וכמה זענען געווען וואָלינער העלדן אין ישראל וואָס האָבן געקעמפט העראָיש און געפאַלן אין פאַרשידענע קאַמפן פאַר ישראלס אויפלעבונג און עקזיסטענץ. סיי וואָלינער געבוירענע און בפרט זין פון וואָלינער וואָס זענען עולה געווען מיט זייערע עלטערן אַלס קינדער אָדער געבוירן, „סאַברעס”, אין ישראל.

די ערשטע קורצע אָפּהאַנדלונגען וועגן ספרים וואָס זענען דערשינען לזכר צוויי אַזעלכע העלדישע וואָלינער זין ברענגען מיר אין איצטיקן ילקוט. צו זייער פירטן יאָרצייט (4 יאָר נאָך דעם 6 טאָגיקן קריג). אַ נייע אָפּטיילונג אין ילקוט וואָס וועט געוויס געפונען אַן אָפּקלאַנג צווישן אַלע אונדזערע לייענער. יזכור־ביכער פאַר וואָלינער זין פון אַ צווייטער אויפלאַגע. אַ המשך קאַפּיטל וואָלין וואָס איז כדאי פאַרצייכנט צו ווערן. אַ נאָכוואָרט אין דער געשיכטע פון וואָלינער יידנטום.

★

אמיר גלבע איז פון די אַנגעזעענע ישראלדיקע (העברעיישע) דיכטער וועמענס לידער ס'כדאַי צו לייענען. פאַר די לייענער פון ילקוט איז ער שוין ניט קיין פנים חדשות. אַליין אַ וואָלינער. תמיד ווען איך לייען זיינע לידער דערטראָגט זיך צו מיר פון זיי אַ מין וואָלינער אָפּקלאַנג. הגם דאָס וואָרט וואָלין איז, דאַכט זיך, ניט דערמאָנט אין זיי. אַ יידישע איבערזעצונג פון זיינס אַ ליד ווערט אַ מאָל געבראַכט דאָ און דאָרט אָבער אַ ביכל פון זיינע לידער אין יידיש איז נאָך ניט דערשינען ביז איצט. אַ ריינער פאַרלוסט פון יידישן פּאָעזיע ליבהאָבער. פאַר זיין לעצטן בוך לידער כ'האָב געוואָלט רעדעוודיק מאַכן ליפּן פון שלאָפענדיקע („רציתי לדובב שפתי ישנים”) האָט ער באַקומען דעם יוסף־חיים ברענער־פרייז פאַר העברעיישער ליטעראַטור. דריי קליינע לידער פון דאָזיקן בוך ברענגען מיר דאָ אין יידישער איבערזעצונג. אדרבא, לייענט און זאָגט איר אַליין...

★

אין דער אָפּטיילונג וועגן יידישע פערזענליכקייטן אין וואָלין ברענגען מיר אין דעם נומער ילקוט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ר' נתן־נטע האַנאָווער פון ע מ נ ו א ל פ אָ ל אָ ק פון ניו־יאָרק. נתן־נטע האַנאָווער ווערט פאַררעכנט אַלס „היסטאָריקער־כראָניקאָר פון דער כמעלניטשינע”, ביז היינטיקן טאָג און פון די אינטערעסאַנטסטע פיגורן פון וואָלינער יידנטום. יאָרן געלעבט אין וואָלינער שטעטל זאַסלאַוו — דאָס געבוירן שטעטל פון שרייבער פון אַרטיקל. איז אַ וווּנדער וואָס דאָס אַרטיקל איז אַ ביסל „צו לאַנג” אין די ראַמען פון קליינעם ילקוט? דערפאַר אָבער איז עס געשריבן מיט ליבע און — באַלערנדיק.

★

האַנט־ביי־האַנט מיט באַשרייבונגען וועגן פערזענלעכקייטן קומען די דערציילונגען וועגן פשוטע יידן וואָס האָבן געלעבט אַ מאָל אין די וואָלינער שטעטלעך און וואָס זענען געווען עפּעס אַנדערש ווי אַזעלכע יידן היינט... ווייל ווו געפינט איר היינט אַ יידן וואָס זאָל האָדעווען אַ גאַנץ יאָר אַ קעלבל, כדי צו קויפן דערפאַר „אתה הראית” אום שמחת תורה פאַר כל הנערים? — אַן אינטערעסאַנטער טיפּ ייד געשילדערט פון איינעם פון די פירער פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין ניו־יאָרק, ה' אברהם גערשנזאָן.

אַזוי אויך אַ צווייטער פירער דאָרט, ה' מאיר טובלין. וועגן זיין געבוירן־שטעטל טאָרטשין שרייבט ער אַ מין פּאָעמע אין פּראָזע. אין אַ שיינעם יידיש און מיט אַ וואַרימען יידישן געפיל. ניט דווקא מחמת לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם... אויך קאָוולער און סאַרנער זכרונות אין דעם ילקוט, הגם קורץ געשריבן, דערציילן אונדז וועגן „נאָך ניט אַנטדעקטע האָריזאָנטן” אין יענע קהילות. ווי קליינע טייכלעך וואָס שטראָמען אינעם גרויסן ים.

אָבער ווי מיר זעען, פאַרנעמען צו ביסלעך אונדזערע אַמעריקאַנער חברים דעם אויבן־אָן אין דער יידישער אויסגאַבע פון ילקוט. פאַרזיכטיק, איר וואָלינער שרייבער אין ישראל!

★

„דאָרפישע זכרונות” אין דעם נומער, איז דאָס צווייטע אַרטיקל אין ילקוט וועגן וואָלינער „יידישע” דערפער. אַ טעמאַ, וואָס אינטערעסירט אונדז ספּעציעל.

# בריוו פון וואלין

טשודנאָוו, דער 9טער סעפטעמבער 1969

טייערע מאָטל און ברײנצי,

כ׳בין געקומען אויף אַ וויזיט קיין טשודנאָוו, אויף עטליכע טעג און כ׳גלייב, אַז אַפילו נאָך אַזוי פיל צענדליקער יאָרן ווי איר האָט פאַרלאָזן דאָס שטעטל וועט אייך דאָך זיין איינגענעם לייענען זכרונות פון אַייער געבוירנהיים, ווו איר זענט געוואָקסן, ווו איר האָט איבערגעלעבט די ערשטע פריידן און ערשטע אַנטוישונגען אין לעבן.

אַז איך קוק זיך דאָ אַרום, שווימען אין מיר אויף אַ סך זכרונות, אַ ביסל פרייליכע און זייער אַ סך טרויעריקע. שוין עטליכע טעג, אַז כ׳שטיי דאָ אויף גאַנץ פרי און כ׳שפּאַציר אַרום טריט ביי טריט (ס׳איז מיר שווער צו גיין). איין טאָג בין איך געגאַנגען פון מזרח אַף מערב, דעם צווייטן טאָג פון צפון אַף דרום, א. אַז. וו. היינט צב״ש בין איך געגאַנגען אַף מזרח. דאָס איז דער פּיאַטקער וועג. אויב איר געדיינקט, פלעג מען אין טשודנאָוו אַ מאָל זאָגן אַז אין פּיאַטקע טאָגט פריער ווי אויף דער גאַנצער וועלט. ס׳ווייזט זיך מיר טאַקע אויס אַז דאָ, אין טשודנאָוו גייט אויף די זון שענער. שיינט שענער. אַזוי וואַרעם און צאַרט. כ׳דריי זיך אויס אויף מערב. דאָס איז דער וועג אויף דער נייער שטאָט. דאָרט האָבן אויך געוווינט אַ מאָל אַ סך יידן, אָבער זיי זענען געווען ווי ניט ענליך אַף די אַלטשטאָטיקע. מ׳האָט זיי גערופן די סערבעניוקער. כ׳בין אויך געגאַנגען אַף צפון. דאָס איז דער וועג קיין דאָבישטש — אין דאָרף. אַהין פלעגן אַ מאָל אַוועקשפּאַצירן ייִנגלעך און מיידלעך ווען ס׳האָט ניט געלוינט זיך וואַרפן די עלטערע מענטשן אַן די אויגן. אַפּיקורסים זענען געגאַנגען דאָרט רויכערן שבת אַ פּאַפּיראָס א. אַז. וו.

כ׳בין אויך געגאַנגען, פאַרשטייט־זיך אַף דרום. דאָס איז דאָך דער וועג צו דער באַן. אַמאָליקע צייטן פלעג יעדן גאַנץ פרי אַריינפאָרן אין שטעטל פון דעם וועג אַ ייד אַף אַ צעבראָכן וועגעלע, איינגעשפּאַנט צו אַ וויים פערדל. דעם יידנס צונאָמען איז געווען משיח (און ווער איז טשודנאָוו האָט אַ מאָל ניט געהאַט קיין צונאָמעניש ?). ער איז געווען אַ שמאַטאַר. געוווינט אַף דער סטוקאָלקע אין אַ קליין הייזעלע. אַ סך טשודנאָווער יידן האָבן אַ מאָל געגלויבט אַז דורך דעם וועג וועט אָנקומען משיח בן דויד. צום גרויס באַדויערן, אָבער, זענען ביז איצט, דורך דעם וועג, אָנגעקומען בלויז די רוצחישע גוג־מגוג. אָנגעקומען זענען זיי פון נאַצישן דייטשלאַנד און אויסגעהרגעט, אין 1941, אַלע טשודנאָווער יידן סיי די וואָס האָבן געגלויבט אין משיחן, סיי די וואָס האָבן ווייניקער געגלויבט. ס׳וואָלט טאַקע ניט געווען קיין גרויסע עוולה ווען משיח וואָלט זיך כאָטש אַראָפּגעכאַפּט, אַפילו ווען ס׳שוין אַ ביסל צו שפּעט. דאָך זענען דאָ דאָ יידן וואָס וואַרטן אַף אים — ניט בלויז אַלטע יידן...

כ׳שטעל זיך אָפּ אין מיטן שטעטל און וויל זיך פאָרשטעלן, אַז באַלד וועל איך באַגעגענען עמיצן פון די אַמאָליקע איינוווינער, וואָס פלעגן אויפשטיין גאַנץ פרי, ווי למשל: שלום טעלציס, מיט דער שטענדיק פאַרמעליקטער קאַפּאָטע, ער פלעג לויפן אין בית־מדרש אַריין צום ערשטן מנין; אפשר לייבקען דעם בעל־עגלה, ער פלעג דער ערשטער אַרויספאָרן מיט זיין בויד, כדי צו פאַרכאַפּן אַ פאַרשוין צו דער באַן, הערן פון אים עפּעס אַ וויץ, אַ ווערטל. ער איז געווען אַ שטאַרקער ווערטל־זאָגער; אָדער אַריהטשקען דעם שניידער, וואָס פלעג דער ערשטער אַרויסטרייבן די בהמה אין טשערעדע, צענויפנעמען אַ רעדל יידן און זיי דערציילן וואָס ס״ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, אויפן הימל אַ יריד. נאָך פון איצי האָליקס מעשיות. ער איז מחילה, געווען אַ גרויסער ליגנער. נאָך מער ווי בערל אייזיקס פון שלום עליכם.

ס׳וואָלט זיך אַפילו געוואָלט באַגעגענען שרוליק מיט די ספּיטשקעס (שיקעס בויקע אַ זון). ער פלעג אויכעט אויפשטיין פאַרטאָג, ווייל זיין משוגעת איז געווען אַז „די איזוואָשטשיקעס פירן אַוועק דעם טאָג צו דער באַן״. כ׳הער זיך צו צי ס׳קלאַפּט ניט ערגעץ חיים־הערש דער באָנדער. ער פלעג מיט זיין קלאַפּן די רייפן אויף די פעסלעך זייער פרי אויפוועקן דאָס שטעטל. כ׳הער זיך איין צי ס׳סקריפּעט ניט, אַרויף־אַ־באַרג, מיט זיין טעליגע, שלמה מינקעס דער וואַסערפירער. אָבער דאָס אַלץ איז אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. פון יענע מענטשן איז קיינער ניט געבליבן. ס׳לעבט, וואַקסט, לערנט און אַרבעט אַ נייער דור. אַוודאי אַ דריטער־פירטער דור פון די אַלע יידן, וואָס כ׳האָב דאָ דערמאָנט.

כ׳באַגעגן אַ קליין יידיש מיידעלע. שיין און חנעוודיק. זי לויפט אין דער מוזיק־שולע. זי זאָגט, אַז זי איז בנצי דעם סטאָליאַרס אַן אייניקל. אָט איילט זיך צו דער אַרבעט אַ באַקאַנטע יידישע פרוי. זי איז אַ מעדיצין־דאָקטאָר. זלמנ׳ס שימעלעס אַן אייניקל. און נאָך עטליכע אַזעלכע, וואָס איר וועט שוין אפשר ניט וויסן וועמענס קינדער זיי זענען. ווער אַ יינגער אינזשיניער, ווער אַן אַגראָנאָם א. אַז. וו.

צווישן נייע, צוויישטאָקיקע הייזער וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן נאָכן חורבן, זוך איך אָפּ דאָס אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען זלמן קאַראַטשינקערס שטוב. אין 1912 האָבן דאָ שמואל קאָרן, חיים בראָדסקי, דוד גוצקא, איציק ראַטנער און אַנדערע געגרינדעט אַן אומלעגאַלע שולע פאַר יידישע קינדער, ווייל די צאַרישע רעגירונג אין אַלטן רוסלאַנד האָט עס ניט דערלויבט. איך האָב דאָרט געלערנט אַ קורצע צייט, ווייל די שולע האָט מען שנעל פאַרמאַכט. איצט זענען דאָ אין טשודנאָוו עטליכע צען־יאָריקע שולעס, ווו ס׳לערנען צוזאַמען יידישע, אוקריינישע, רוסישע און אַנדערע קינדער. קיין יידישע שולן זענען שוין ניטאָ אַפילו אין גרעסערע שטעט, מיט טויזנטער יידן.

כ׳איל זיך גיין צו די קדושים. אויף קבר־אבות. צוליב דעם טאַקע ביז איך דאָך געקומען קיין טשודנאָוו. היינט, דעם 9טן סענטיאַבר איז זייער יאָרצייט. היינט, מיט 28 יאָר צוריק האָבן דייטשישע מערדער דערהרגעט די ערשטע 1.975 יידן. די איבערגעבליבענע זענען געזעסן און געוואַרט אויפן זעלבן גורל.

כ׳קוק אַריין אין דעם אַמאָליקן פאַרק. די גריבער, ווו ס׳ליגן די ביינער פון די אומגליקליכע קדושים, פאַלן איין וואָס אַ מאָל טיפער און טיפער און באַקומען אַן אויסזען ווי טיפע שיסלען. די ערד אַף זיי וויגט זיך שוין ניט — ווי מ׳האָט דערציילט — ווי אין די ערשטע טעג.

כ׳שטיי ווי אַ פאַרשטיינערטער. ס׳ווילט זיך זיי עפּעס זאָגן, שרייען, רופן, נאָר אומזיסט. כאָטש שריי חי־וקים. ס׳איז זייער שווער באַזוכן אַזאַ אומגעוויינליכן בית־עולם. איך מאַך אַן אל־מלא־רחמים מיין טאַטן, מיין מאַמען, ברייניצים ברידער, יאַנקלען מיט זיין פרוי, און דריי קליינע עופ׳לעך, און נאָך קרובים און פריינט, און נאָך און נאָך...

ס׳קומט אָן אַן אַלטער פויער. ער באַגריסט מיך גאָר פריינטליך מיט אַן אוקריינישן דעןדאָברי. „מיין ניט״, מאַכט ער, „אַז עס ליגן דאָ נאָר אייערע. דאָ ליגן אויך זיירע פיל אוקריינישע, רוסישע, טשעכישע און אַנדערע. איך בין אַן עדות, זאָגט ער, איך האָב עס אַלץ געזען מיט מיינע אייגענע אויגן...״. און ער דערציילט מיר נאָך אַ מאָל ווי דאָס שרעקליכסטע אין דער וועלט איז פאָרגעקומען. און דאָס האַרץ ווערט צעריסן אַף שטיקלעך. דער פויער גייט צו צו אַ גרוב, צלמט זיך 3 מאָל איבער און זאָגט: „יעדערער דאַרף וויסן, אַז ביי אונדז אין סאָוועטנרוסלאַנד וויל קיינער ניט קיין מלחמות, „נאָ נאַ פאַשיסטיוו ווסיאָ סוויטאָ שאָב בולאָ סקאָראַ פאָגיבעלי״... און רעדט און רעדט ווייטער, ווי עפּעס וואָלט אים געליגן אויף דער לונג.

אַן האַרציקן גרוס אַלע אונדזעריקע.

**פיני**

זוהיל, 20.12.70

מיין טייערער נתן,

דיין בריוו פונעם 16טן נאָוועמבער ד. י. דערהאַלטן. אַ גרויסן דאַנק דיר. ס׳איז געווען בין השמשות ווען כ׳האָב אַרויסגענומען פון מיין פאָסטקעסטל די בריוו און ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אינדרויסן איז גאָר אַ שיינער טאָג. אַ ליכטיקער... דעם 23טן דעצעמבער איז חנוכה. דאָס דערמאָנט מיר מיינע קינדערשע יאָרן. דאָס בלייענע דריידל... מיר האָבן דעמלט געוווינט אין אַ קליין וואָלינער שטעטל. אַ פאַרוואָרפנס. קליין ווי אַ גענייץ. דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט געדיכטע וועלדער. מיט פעלדער. זיי האָבן זיך געצויגן אין די ווייטע ווייטן. איצט ווען כ׳פאָר אַ מאָל דורך, זעט מען שוין כמעט ניט אין אָט די ווייטן, די שפורן פון די ברידער־קברים...

אין דער ערשטער נאַכט פונעם ערשטן חנוכה־ליכטל האָט אונדז דער טאַטע געזאָגט:

— קוקט קינדער, שוין טויזנטער יאָרן אַז אַזוינע ליכטלעך מיט זייערע פלעמלעך לייכטן אַלס אַ צייכן פון איינהייט. מיר קינדערלעך האָבן פאַרגאַפּטע געקוקט אויפן פלעמעלע מיט פייערלעך אין די קינדערשע אויגן. גראָדע אין יענער נאַכט האָט זיך צעבושעוועט אַ זאַווערוכע. ווילד האָט געפייפט דער ווינט. אויף זיינע פליגלען האָט ער אויפגעהויבן בערגלעך שניי און געשליידערט, געקייקלט איבער די פעלדער, טרייבנדיק אין די וועלדער אַריין; דער ווינט האָט געדעוועט ווי אַן הונגעריקער וואָלף אין וואַלד. אינטערעסאַנט: אויך איצט, ווען כ׳שרייב די בריוו איז זייער בייזווינטיק אין דרויסן...

אָבער מיר קינדער זענען דעמלט געזעסן אין דער וואַרימער שטוב און געשפילט אינעם בלייענעם דריידל. מיר האָבן געשווינד געדרייט דאָס דריידל אַזוי אַז ס׳זאָל טאַנצן אויפן טיש. אַ מעשענער סאַמאָוואָר מיט דער אויפשריפט;

פּאַסטאַפּטשיק דוואָראַ אימפּעראַטאָרסקאָוואַ וועלי טשעסטוואַ באַטאַשאָוו — טולאַ. אין יענע צייטן איז דער סאַמאָוואַר געווען די גרעסטע מעכאַניזאַציע אין רוסלאַנד. און דער סאַמאָוואַר האָט געזאָדן און געפּאַרעט, אַזוי אַז ס׳האָבן געשוויצט אַלע שויבן פון שטוב. און ער האָט געזונגען אַ זמר׳ל. אַ הענגלאָמפּ האָט געלויכטן איבער דער גאַנצער שטוב. און אויפן טיש איז ג ע ־ ו ו ע ן וואָס צו עסן...

דער טאַטע איז געזעסן ביים טיש מיט אַ יידן. דויד־הערש. אַ טאַקסאַטאָר פון וואַלד. געווען איז ער אַ מאָל אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט. הויך. ברייטפּלייציק. אַ ריז. זיי האָבן געשפּילט אין שאַך. מע האָט זיך געקראַצט. געגלעט די קינבאַקן. זיך געוויצלט:

דער טאַטע: ר׳ דויד, אַייער מלכה איז גאָר אַ בתולה. ווער דערשרעקט זיך!

דויד־הערש: מיין שוואַרצע מלכה וועט אַייך דערגיין די יאָרן. זי וועט אַייך דערלאַנגען אין סאַמע פּיפּיק.

דער טאַטע: און מיינע זעלנערלעך וועלן אַייך שווייגן? איר וועט נאָך אַ מאָל הערן פון מיינע יידישע זעלנערלעך...

אויף מאָרגן אין אָוונט האָט דער טאַטע אָנגעצונדן צוויי ליכטלעך און דערקלערט:

— צוויי צוזאַמען באַדייטן איינהייט. יידן זאָלן געדענקען זיין אייביק ווו זיי זאָלן ניט זיין.

און ווייטער איז מען געזעסן אַרום טיש. דער טאַטע מיט דער זיידענער יאַרמעלקע; די מאַמע דבורה מיט איר קריטישן קוקן אין אירע קלוגע אויגן; די מימע זלאַטע מיט אַ שנירל פּערל אויפן האַלדז און אויף די פינגער — גאָלדענע פינגערלעך אין וועלכע ס׳האָבן געפינקלט בריליאַנטן. אפשר ווייסטו אַז די מימע זלאַטע האָט געהאַט אין כאָדערקאָוו אַן אייגענעם גלאָזזאַוואָד. דאָך, אויף דער עלטער האָט זי ווי אַ שנאָרערין געבעטן נדבות... און דער גרויסער פּאָלומעסיק מיט רעטשענע לאָטקעס וואָס האָבן זיך געוויקעט אין געגנדזנשמאַלץ מיט גריוועלאַך אויפן טיש. און ווידער די זאַווערוכע אין דרויסן. און ס׳האָט זיך געהערט ווי דער ווינט פּייפט און ווײנט אין קוימען ווי ער וואָלט זיך געבעטן: — יידן, האָט רחמנות, יידן. לאָזט מיר אַריין צו אַייך אין שטוב זיך אַ ביסל אָנוואַרימען...

אונדז קינדער איז דער שטורעם ניט אָנגעגאַנגען. מיר האָבן געזען ווי דריי חנוכה־ליכטלעך שפּאַצירן מיט זייערע פלעמלעך אין שטעטל פון שטוב־צו־שטוב. זיי האָבן גובר געווען דעם קרעפּטיקן ווינט. שפּילנדיק אין דריידל האָבן מיר געזען ווי דער שניי טראָגט זיך ווי כוואַליעס איבער דער פאַרפרוירענער וועלט, אָבער די פלעמלעך שפּאַנען אין אַלע דרכים אַפילו אין דער שוואַרצער ביטערער נאַכט. „שוין טויזנטער יאָרן אַזוי״.

טייערער נתן. דאָס נייע יאָר 1971 און חנוכה מישן זיך אויס צוזאַמען. איז לאָמיר היטן די חנוכה־פלעמלעך אין אונדזערע הערצער אַלס צייכן פון ברודערשאַפט צווישן אונדז און פון גערעכטן שלום אויף דער גאַנצער וועלט. אַ הייסן גרוס פון אונדז אַלעמען, דער גאַנצער פאַמיליע און אַלע אייערע פריינט!

דיין געטרייער

**גרישא**

זשיטאָמיר, דעם 12טן מאַי 1971

ליבע קרובים בני־דויד,

אַ דאַנק אייך פון טיפן האַרצן פאַר אייער וואַרימען בריוו, וואָרן ס׳איז אַ שמחה אַז מיר לייענען אַזעלכע בריוו. איר בעט אַז מיר זאָלן אַייך שרייבן פון אונדזער געזונט און איצטיקן לעבן. מירביידע זענען געזונט — מאָראַליש. דאָס איז דאָך דער עיקר אין אונדזערע יאָרן (מיר זענען שוין געוואָרן פּענסיאָנערן!). מכוח גשמיות איז אַזוי: נינאַ, אַלס אַרצטין, פּאַסט אויף אויף מיר און איך, אַלס „פלינקער ייִנגערמאַן״, פאַרלויף איר דעם וועג. אָט למשל, דאָס לעבן פון יום־יום: גאַנץ פרי, מיר שטייען אויף, זאָגט מיין פרוי, קאַלטבלוטיק, כמעט ווי אַ ביטע, בזה הלשון:

— מיין ליבער מאַן, כאַפּ זיך אַריין אין „פלאָאָוואָטש״ און קויף קאַרטאָפל, מערלאַך און דער עיקר פּעטרישקע. מחמת, אַז מע לייגט אַריין אין יויך אַ פּעטרישקע — שמעקט פונעם טעלער פרילינג. און אַז מע לייגט נאָך אַריין אַ מערל איז די יויך אויך באַטעמט.

שמייכל איך און טראַכט: מילא, כ׳בין אין איר רשות, וואָרן כ׳בין אַ „וואָלסטור״ (אדרבא, פּרוּווט שיפּרירן אַזעלכע ווערטער) אויף מאַמע־לשון הייסט׳ס אַן האָרעפּאַשנער אייזל. איז מוז איך זיך אונטערגעבן מיין ווייבס רצון. נעם איך דאָס קוישל און לאָז זיך אַריינכאַפּן אין געוועלב קויפן גרינס. געבראַכט דאָס ביסל שאַר־ירקות, איז גלייך אַ צווייטע ביטע: מיין געטרייער מאַן, שפּרינג אַריין אין בולאָטשני און קויף אַ לעבל שוואַרץ ברויט מיט אַ געפלאָכטענעם קוילעטש און אַ סדאָבע מיט ראָזשינקעס. זאָל זיין אַן מאַנדלען, דער עיקר די סדאָבע זאָל זיין אַ פרישע. און אַז דו ביסט שוין אין גאָס איז טאַנץ אויך אַריין אין מאָלאָטשנע און קויף אַ ליטער מילך, אַ פלעשל קעפיר, סמעטענע, פּוטער, אַ האַלב קילאָ קעז, נאָר פון ציגנמילך,

(סוף אויף דער אַנדערער זייט)

## דאָרפישע זכרונות

אנשל לעבענדיגער (צופית)

# יידישע דערפער - א מקום־מקלט

### 50 פינסקער יידישע משפחות אנטלויפן אין וואָלינער דערפער בעת דער 1-טער וו"מ

בעצם בין איך אַליין אַ געבוירענער און געוואָקסן אין פּינסק. פּאָלעסיע. טיף אין די בלאָטעס און זומפּן. דאָך האָב איך אַ „שטיקל” שייכות צו וואָלין. ערשטנס — לויט פּאַרשיידענע געשיכטע־ביכער און מאַפּעס זענען וואָלין אין פּאָלעסיע געווען איינס און צוזאַמען. זיך פּאַרשפּרייט אויף בערך 135.000 קווק"מ ($3\frac{1}{2}$ מאָל גרעסער פון דער שווייץ און ווי $4\frac{1}{2}$ גרעסער פון בעלגיע). 3.600.000 איינוווינער. און שנית — כ'האָב אַ „חזקה” אויף וואָלין. איז דאָך מיין פרוי אַ ריינע וואָלינערין. פון סאַמע סאַדאָוו נעבן טאָרטשין. אַ קליינינקייט!

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה און די דייטשן האָבן אין 1915 פאַרנומען פּינסק, זענען זיי געבליבן שטעקן אין די זומפּן, ווייל די רוסן האָבן זיך באַפעסטיקט אַ 3—4 קילאָמעטער אַרום שטאָט און פלעגן באַשיסן און באָמבאַרדירן, אויך פון עראָפּלאַנען, די דייטשישע קאַזאַרמעס. פאַרשטייט זיך, קרבנות זענען געפאַלן אויך פון דער בירגערלעכער באַפעלקערונג, דערצו הונגער און נויט... איז ניט קיין וווּנדער וואָס יידן, איבערהויפּט, האָבן מיט דער הילף פון קאָמיטעטן און דער דייטשישער מאַכט, איבערגעלאָזן הכל־פּעקל און אַריבערגעוואַנדערט עטליכע צענדליק קילאָמעטער ווייטער פון פראָנט, אין די דאָרטיקע דערפער — און די „גוטע” דייטשן האָבן צוגעשטעלט וואָגנס, באַן און דירות. ווען איינע אַזאַ באָמבע האָט כמעט חרוב געמאַכט אונדזער הויז — על־פּי נס זענען מיר אַלע ניצול געוואָרן — איז באַשלאָסן געוואָרן אין אונדזער משפּחה אַנטלויפן וואָס ווייטער פונעם פייער. מיט דער הילף פון „פּראָטעקציע” איז אונדז דערלויבט געוואָרן אַריבערצוּוואַנדערן אינעם לעצטן דאָרף, וואָס האָט זיך גערעכנט עטאַפּנער־געביט (קריגס־באַדינונגען) אין וואָלין. 20 קילאָמעטער נאָך קאַמען־קאַשירסק — ר ע ט ש יצ ע. רעטשיצע האָט זיך געגרעניצט מיטן דאָרף פּיאַסקעס, וואָס האָט שוין געהערט צום פרידנס־געביט. דאָס אַריבערוואַנדערן אין די דערפער פון פרידנס־געביט איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. אָבער, אין אמת'ן, וואָס שייך מלחמה־שיסערייען איז דאָרט געווען גאַנץ רויק, נאָר לעבנסמיטלען זענען געווען טייערער און

---

**בריוו פון וואָלין**

(סוף פון זייט 7)

ווייל אַזאַ קעז האָב איך ליב. פרעג איך: אפשר קויפן קעז פון מילך פון אַ צאָפּ און לעבער פון בייגל? זאָגט זי: „מענטשן קאָנען שוין דיינע חכמות”...

איז, כדי כ'זאָל ניט פאַרגעסן, פאַרשרייב איך ביי זיך: זיך אַריינכאַפּן, אַריינשפּרינגען, אַריינטאַנצן. נעם ווייטער דאָס קוישל און לויף ווייטער. קום אַ היים אַ ביסל אַ מידער (דווקא פון שטיין און ניט פון לויפן), זאָגט מיר מיין נינאָטשקאַ: „נו, מיין טייערינקער, איך זע אַז מעקאָן זיך אויף דיך פאַרלאָזן. איצט וויל איך זיך מיט דיר אַ ביסל אַדורכשמועסן. כ'ווייס שוין פון לאַנג אַז דו ביסט אַן אָפּגעשטאַנענער מענטש. לאָמיר זאָגן פון פיזקולטורע. אָט, נאַ־פּרימער איזיקאָוויטש. כאָטש ער טראָגט אַ לאַנגע, סיווע באָרד פונדעסטוועגן נעמט ער יעדן טאָג אַ שיעור פיזקולטור און שטאַרקט זיינע אַלטע גלידער, זיינע נערוון. זאָג איך: „ער גייט ווי אַ חדר־יינגל אין פיזקרוזשאָק ווייל ס'געפעלט אים די יינגע אָנפירערין אין מאַטקעס...”.

זי: דיינע חכמה'ס! נעם בעסער דעם שפּאַצירשטעקן און ביז כ'וועל צוגרייטן עפּעס עסן, גיי מאַך אַ מאַציאָן אַ שעה צייט, און דער עיקר — אָטעם אַריין אַ סך פרישע לופט און לויף שוין אויך אַריין אין אַפּטייק און קויף פּראָשקעס קעגן גיפּערטאָניע. עטליכע גאָרטשיטשניקעס פאַר מיינע פיאַטעס; קאָמפּאָרע בוימל, וואָרן ס'שטעכט מיר אין לינקן אויער און גיב שוין דערווייל אַ טאַפּ אין וואָגן, אפשר זענען דאָ נייע פּראָשקעס וואָס היילן סקלעראָז, אויב יאָ — צי קאָן מען זיי דערהאַלטן אָן אַ פּאָליקליניטשיסקן שטעמפּל. פאַרשטייסט מיין מאַן?

צו איך פאַרשטיי. איך בין אויך מסכים מיט איר. ס'איז בעסער איינגעמען פאַרן שלאָפן אַ לעפל לאַכעניש, איידער צי וויינען...

זייט געזונט.

אייער

**סיאָמע און נינא**

ס׳שווערער געווען צו קריגן ווי אין פרידנס־געביט.

1916. כ׳געדענק זייער גוט. כ׳בין געווען אַ יינגל פון אַ יאָר 10 ווען מיר האָבן איינגעשטיגן אין באַן פאַרלאָזנדיק פינסק אין דער ריכטונג צו רעטשיצע און אַנדערע וואָלינער דערפער. צוזאַמען אַ 50 משפחות. די ערשטע סטאַנציע איז געווען דאָס שטעטל יאַנאָווע. דאָ האָט מען אונדז אַריבערגעפירט מיט די בעביכעס אין אָפענע וואַגאָנעס פון קליין־באַן „אוסקע קאַלייקע״. די קאַלייקע איז ממש געקראָכן. זיך געשלעפּט, ביז קאַמען־קאַשירסק אַ גאַנצע וואָך. מיר זענען „געפאָרן״ צווישן וועלדער, טייכן און אָזערעס און אַלע עטליכע שעה פלעג דער טראַנספּאָרט זיך אָפּרוען, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף דערעוואָק. די דייטשן האָבן אונדז באַזאָרגט מיט אונטערערדישע אָקאָפּעס און שפּייז. מיר זענען געשלאָפן אַזוי אַ גאַנצן טאָג. די צווייטע סטאַנציע איז געווען דער דאָרף פּיווינע. ווידער דאָס זעלבע. ווידער אַ מאָל האָבן מיר זיך געשלעפּט צווישן וועלדער, פעלדער און טייכלעך, ביז מיר זענען ענדליך אָנגעקומען קיין קאַמען־קאַשירסק.

אין קאַמען־קאַשירסק האָט אונדז די יידישע באַפעלקערונג אויפגענומען זייער האַרציק. מיר זענען געווען זייערע אָנגעלייגטע געסט. מיט עסן, שלאָפן און באַדינונג ביז ס׳זענען אָנגעקומען הונדערטער גויישע פורלעך, געשפּאַנט צו הונגעריקע אויסגעמאָגערטע פערדלעך און אויסגעדאַרטע, ניט קיין מילכיקע קי. אַ לאַנגער קאַראַוואַן האָט זיך געלאָזט דורך דער שטאָט אין ריכטונג צו די ווייטערדיקע דערפער. נייע פעלדער־וועלדער. אַזוי ביז מיר זענען אָנגעקומען אין ערשטן וואָלינער דאָרף ט ש ו ר ט ש ע. דאָרט זענען געבליבן 15 משפחות. מיר האָבן זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט און געפאָרן ווייטער. ביזן דאָרף ב ו ר ק ע. אויך דאָ איבערגעלאָזן עטלעכע משפחות. ויסעו — ויחנו — ויסעו. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ גרויסן וואָלינער דאָרף ח א אַ ט ע ש אָ ו ו. אויך דאָ פאַרזייט משפחות. אין ווייטערדיקן דערפל מ ע ל נ י ק, האָבן מיר איבערגעלאָזן בלויז 2 משפחות. 2 קילאָמעטער נאָך מעלניק קומען מיר אָן, מיט די הונגעריקע קי און פערדלעך און מידע, ערנסטע פויערן, וואָס האָבן זיך רויק און גוט באַצויגן צו די עמיגראַנטן — קיין ר ע ט ש י צ ע.

דער אַריינפאָר פון וועג פון מעלניק איז פונקט אין מיטן דאָרף רעטשיצע. דו דערזעסט מיט אַ מאָל אַ לאַנגן, גרויסן דאָרף און גלייך אַנטקעגנאיבער — אַ גרויסע אָזערע. אונטער דיר — אַ לאַנגער, רונדיקער, זאַמדיקער און נידריקער באַרג. פינף ווינטמילן פאַרלאָזן זייערע גרויסע, הילצערנע פליגל אויף ווינט׳ס גנאָד. דאָס ערשטע הויז זעט ניט אויס ווי אַ דאָרפישע נאָר ווי אַ גרויס־שטאָטישע, באַדעקט מיט שינדלען און שיינע לאָדנס און פענצטער. דאָ האָבן אַוודאי געוווינט די רוסישע באַאַמטע. איצט איז עס פאַרנומען פון דער דייטשישער מאַכט. אַן אונטעראָפיציר, דער סטאַראָסטאָ פון דאָרף, נאָך עטליכע שקצים און אַ יידישער טאָלמאַטש זענען אונדז פיין מקבל פנים. מיר ווערן צעטיילט צו צוויי משפחות אין יעדער הויז־כאַלופּע. די כאַלופּע באַשטייט פון אַ גרויסער קיך מיט אַן אויבן און אַ קוימען (ס׳זענען דאָ אין דאָרף „קורנעס״, אָן קוימענס) און פאַרן אַריינגאַנג אין קיך — אַ גרויסער שייער. שטרויענע דעכלעך און אַרום די ווענט — בענק־לאַוועס.

ביז אונדז האָט רעטשיצע געציילט 9 יידישע אײַנגעוואָרצלטע יישובניקעס־משפחות. 4 פון זיי — דורות־לאַנג אין דאָרף. דער „טאָלמאַטש״, אברהם סיאָמעק (סיאָמקע) האָט געהאַט נאָך 2 ברידער — יצחק און הערשל. אין דאָרף מעלניק האָט ער אַ גרויס הויז באַדעקט מיט שינדלען, ווי אויך אַ געוועלב. אין קוואַרטאַל באָהאָבידאָוו האָט געוווינט די משפחה פון יידישן שמיד, אַ פאָטער מיט 3 זין, ווו זיי האָבן אויך געהאַט אַ קוזניע און באַאַרבעט און באַשמידט דאָס גאַנצע דאָרף און פון דער סביבה. זיי האָבן אויסגעאַרבעט „רייכע״ געשמידטע וואָגנס און פאַרשידענע כלים פאַר אָרימע פויערן. אַזוי, למשל, פלעגן זיי באַציען אַ שמאָלע לענטע פון אייזן אויף אַ לאָפּעטע וואָס דער פויער האָט אַליין אויסגעשניטן פון האָלץ. צוויי פון שמידס זין האָבן געהייסן וויקטאָר (אביגדור) און ניומצע. דעם שמידס משפּחה זענען געווען וואַרימע יידן און אויפגעטון זייער אַ סך פאַר די פינסקער יידישע עמיגראַנטן.

אין סאַמע צענטער פון דאָרף, אין דער „הויפּט גאַס״, קעגנאיבער דער אָזערע, האָט געוווינט די פאַמיליע פון יידישן פאַטריאַרך דאָרט, ר׳ שמולקע. אַ הויכער, אַ לאַנגער, אין זיין לאַנגן, טונקעלן פּיזשאַק, האָט ער געטראָגן דעם יאָך פון גרויס־מסחר צוזאַמען מיט זיין זון אייזיק און זיין טאָכטער יהודית און נאָך 3 משפחות, זיינע טעכטערס. פון די 9 משפחות וואָס זענען אָנגעפאָרן פון ראַטנע און געגנט. אַ גאַנצע וואָך איז געווען דער מנין ביי שמילקען און שבת האָט מען געדאַוונט ביי סיאָמקען. רביים וואָס פלעגן באַזוכן דעם דאָרף, פלעגן פאַרפאָרן צו שמילקען. אין שטוב ביי אים האָט אויך שטענדיק געווימלט פון פויערים וואָס פלעגן אָנקומען צו אים נאָך „טובות״ און „בקשות״, בעטנדיק ביי אים גמילות־החסדים. פאַר אונדז, נייע יידישע תושבים אין דאָרף, האָט ער געדאַגהט

ביז גאָר. צוגעשטעלט „ביליגער״ פיש און אַ סך אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן. פיש האָבן מיר געגעסן בשפע. בפרט האָט ער געשטיצט נאָך אַן אָרימער אַנגעפּאַרענער יידישע פאַמיליע, ווייל דער הויפּט פון דער פאַמיליע איז געווען אין געפאַנגעניש און דער אַנגעפּאַרענער פאַמיליע אהרן־נפתלי, מיט זיין זון דעם פאַליציאַנט.

אין משך פון די אַנדערטהאַלבן יאָר, וואָס די פינסקער האָבן פאַרבראַכט אין רעטשיצע האָבן זיי זיך „אויסגעליידיקט״, דאָך האָבן מיר באַנוצט נעפּט אין די קליינע לעמפּלעך, אַנשטאָט „לוטשינקעס״ (סמאָלע־העלצלעך), ווי אַ סך אַנדערע אין דאָרף. זאַלץ פלעג מען אַריינטון אין דייזשקע, קניטנדיק דאָס ברויט, נאָר אַ ביסעלע. מיר זענען אויך געגאַנגען טיילווייז באָרוויס, ס׳איז ניט געווען לייכט. אויף די פּאָסטאָלעס פון די „פּאָלישוקעס״ איז אונדז, מערסטנטייל, אויסגעקומען בלויז קוקן... דער דייטשישער אונטעראָפיציר, אונדזער אַפּיטראָפּוס, פלעג אונדז צושטעלן שיטערע מילך, נאָכן דורכפירן די מילך פאַר סמעטענע קיין דייטשלאַנד. די מילך פלעגן זיי צונעמען ביי די פויערים. זיין „געזאַנטער״, טרעשקאָ, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע פויערטעס האָבן אים געהאָלפן אין דער מלאכה. זיי פלעגן אויך רעקווירירן קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן פאַרגראָבן אין גריבער איבערן ווינטער; אויסגעפּאַשעטע פעטע חזירים (וועפּערס) פלעגן געפּאַקט ווערן אין לופטיקע קאָסטנס (מיט שפּאַלטן און לעכער) און איבערגעטראַנספּאָרטירט ווערן קיין דייטשלאַנד. דער גרויסער מאָדערנער מאַגאַזין, וואָס די רוסן האָבן אויסגעבויט אין דרויסן דאָרף, פלעג אָנגעפילט ווערן מיט תבואות און אַ קליינע גרופּע דייטשישע סאָלדאַטן האָבן געצערט די אויסגעמאַטערטע פערד פון קריג און זיי קאָרמען מיט געלע צוקער, גערשטן און קאַרטאָפל און אַרומלויפן מיט זיי אַרום מאַגאַזין. מיר, קינדער, פלעגן אויפקלייבן זייער מיסט, אויך אויף דער פּאַשע און אויף די וועגן און פאַרקויפן עס די פויערים פאַר קאַרטאָפל און אַנדער עסנוואַרג. מיר פלעגן זיי אויך פאַרקויפן פאַרשידענע לענטעס, פּאַפּיערקעס און צאַצקעס און עפּעס פאַרדינען. מיר פלעגן אויך „האַנדלען״ אין דאָרף פּיאַסקעס.

די יידישע יישובניקעס אין דאָרף פלעגן אונדז העלפן מיט עצות און מומחיות כדי צו קויפן טעלעכעס, וואָס פלעגן געבן ווייניק מילך.

פון לערנען זענען מיר געווען פריי. אַ מחיה! זאָל לעבן די פרייהייט! „מעדיצינישע הילף״ פלעגן מיר באַקומען פון פעלדשערס אין קאַמין־קאַשירסק, ציווין און ראַטנע. „קליינע״ חולאות׳ן, ווי אויסוויכבנען אַ האַנט אָדער אַ פוס, האָט געהיילט טרעשקאָס פאָטער, אַמענטאַ, אַ גוטער, אָרענטלעכער פויער. ער פלעג פאַרקאַטשען די האַרבל, אַ שפּיי טון אין די דלאָניעס, גענומען ציען „מיט שכל״ און אַריינגעשטעלט אויפן פּלאַץ! ס׳זענען אויך געווען באַבעס, וואָס פלעגן הייסן לייגן „סימיע״, אָבער ווען איך האָב זיך אַ מאָל אָנגעגעסן מיט זאַמד פון געבראָטענע קאַרטאָפל, האָט מיך אַמענטאַ געפירט מיט זיין לאָדקע 15 קילאָמעטער קיין ראַטנע, צום אַרטיקן קריסטלעכן פעלדשער. קיין ראַטנע זענען מיר אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט. אַמענטאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים בריק נעבן הויז פון יידישן גאַרבער. די גאַנצע פאַמיליע פון די גאַרבערס מיט זייער זון שבתי׳ל בראש (דער פאָטער איז געווען אין אַמעריקע), האָט אונדז וואַרים אויפגענומען און טאַקע ביי זיי אין שטוב בין איך געזונט געוואָרן. דערנאָך האָבן זיי מיט אונדז שפּאַצירט אין די גאַסן און אונדז געוויזן די „שיינע שטאָט ראַטנע״.

איינער פון די יישובניקעס אין רעטשיצע ר׳ אלקנה, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן וואָליניש אליקוניע, פון ראַטנע, ר׳ שמילקעס אַ מחותן, האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיינע קינדער. געווען איז ער אַ שינדלמאַכער. פלעג אַליין ברענגען דאָס האָלץ פון וואַלד, צוזעגן אויף קלעצלעך און מיט ספּעציעלער האָק צעהאַקט אויף גלייכע, דינע ברעטלעך און מיט אימפּעט און יראת הכבוד, אין זיין וואַרשטאַט, געשינדלט און געגאַנטעוועט. געווען איז ער אַ קליין, דאַר יידל, אפשר אַ 30 קילאָ. נסים, וואָס דער ווינט האָט אים ניט פאַרטראָגן. מיט אַ שפּיציק, שיטער ציגנבערדל, צוויי גרויסע צעשראָקענע אויגן ווי פון אַ נאַכטפויגל. ביי מאַכן די פוגעס פלעג דאָס שפּיץ פון בערדל „העלפן״ פירן אַ גלייכע פוגע. ליב געהאַט רעדן איבער פּאָליטיק פון שטאַנדפּונקט פון אַ יידן, וואָס גלייבט אין גאָט. סיגאַרן, וואָס ער פלעג וויקלען פון פּראָסטן פּאַפּיר, האָט ער קיין מאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל. שיער פאַרברענט די ליפּן. אויסגעשלאָגן אַ שאָק (60) שינדלען אַ טאָג און באַדעקט ראַטנער און ציווינער דעכער.

1917. די אונטערהאַנדלונגען וועגן וואַפנשטילשטאַנד האָט אויך געבראַכט צו דער באַפרייאונג פון די פינסקער. פינסקער טעכטער און זין האָבן זיך דערווייל באַוויזן צו „פאַרבינדן״ מיט ראַטשיצער, פּיאַסקער און מעלניקס און אויפגעשטעלט „געמישטע״ משפחות. אין אַ מזל׳דיקער שעה! אויף ס׳ניי האָט געדאַגהט דער אונטעראָפיציר און צוגעשטעלט וואָגנס איינגעשפּאַנט אין די אָרימע בהמהלעך. אויף ס׳ניי ווערן אָרויפגעלייגט די בעבעכעס, קאַרטאָפל, קאָרן א. אַז. וו. און, היידאַ צוריק קיין פינסק דורך קאַמען־קאַשירסק. אַ רייזע פון איבער אַ וואָך צייט. זייט געזונט רעטשיצע, ראַטנע, ציווינער, און אַלע אַנדערע!

אמיר גלבע (רמת-אביב)

## כ׳דאוון פון הארצן ארויס א סידור

כ׳דאַוון פון האַרצן־אַרויס אַ סידור
מיט אַפּגעריסענע עקן און אלע ווערטער וואָס פעלן
זע איך זיי אַרומפליען שוין אַ לאַנגע צייט אַרומפליען
און זוכן אַן אַפּרו ווו צו שטעלן אַ פוס ווי אַזוי
זאָל איך זיי ברענגען היילונג און האַרץ
פון מיין סידור וואָס ס׳צעפּרעסן אין די עקן
הויל־נ׳נאַקעט.

## כ׳גיי און ווער נעלם פון זיך אליין און פלוצים זע איך

כ׳גיי און ווער נעלם פון זיך אַליין און פלוצים זע איך
זיך אַליין גיין פאַר זיך אַליין. וואָלט איך כאַטש געלאָזן אַ טרער.
ניט כ׳לאַך ניט כ׳וויין. צו טרויעריק צו געוויין. און כ׳מורמל צו זיך אליין
אָ, מיין ברודער, מיין ברודער. און מיין ברודער גייט פאַר מיר און טראָגט
מיין געזיכט פאַר מיר. און זיינע אויגן אין מיין. און מיין יאַ־זיין אין מיין ניט־זיין.
און וווהין ווען מיר דערגיין און מיר בלייבן אויף טיפן
אָפּגרונט שטיין.

## אט אזוי ווי כ׳גיי וויל איך מקבל־פנים זיין שבת המלכה

אַט אזוי ווי כ׳גיי וויל איך מקבל־פנים זיין שבת המלכה
מיין גוף אין קליידער פון דערוואָכן, און מיין גוף, אויב בכלל, איז ניט שטאַרק בכלל
און אויך די נשמה ניט.
אַט אַזוי ווי כ׳גיי אויב כ׳וועל מקבל־פנים זיין שבת המלכה
וועלן די קליידער זיין אויף מיין גוף פון דערוואָכן און מיין גוף אפשר שוואַכער
פון איבער נעמען זיך
אַבער די נשמה ניט.
אַט אַזוי, ווי כ׳גיי נאָך, אויב שבת המלכה וועט מיך מקבל־פנים זיין
וועט מיין גוף זיך אָנטון שבת אינדערוואָכן און מיין גוף וועט זיך שטאַרקן
און דער שבת וועט אין דער נשמה זיין
גיי נשמה מיינע גיי אַרויס כלה יעדן טאָג מקבל־פנים זיין שבת המלכה.

**יידיש — נתן ליבנה**

## טאַרטשינער זכרונות

מאיר טובלין (ניו-יאָרק)

# די אומפאַרענדיקטע סימפאָניע פון מיין שטעטל

אַ נאָמען פון אַ שטעטל, ווי אַ קלאַנג וואָס דערמאָנט אונדזער קינדהייט און פריסטע יוגנט; אַ מעלאָדיע, וואָס באַרירט די דינסטע סטרונעס פון דער נשמה. אַ סימפאָניע, וואָס איז ליידער פאַרבליבן אונפאַרענדיקט...

זוניקע טעג. בלויער הימל. אַ שטעטל איינגעטונקען אין ים פון גרינס, און ווו נאָר מיין בליק פאַלט, זע איך גרינע לאַנקעס, פעלדער מיט קאָרן, ווייץ, האָבער, הרעטשקע, סעדער פול פרוכט און גערטנער גרינסן. כ׳זע דעם סמיליוווער סאָסנע-וואַלד, דאָס קליינע טייכל צופוסנס אונדזער הויז, דעם קרומען בריק מיט דעם אָטשערעט, ווו מיר פלעגן רייסן לעפעכער אויף שבועות. אַ שטעטל — קליין און באַשיידן, נאָר פול מיט לעבן, שפּרודעוודיק, אינטענסיוו; יידן — סוחרים, קליינהענדלער, בעלי-מלאכות, אָרעמע לייט, וועלכע לעבן זיך אויס אַ שיין מאָראַליש, גייסטרייך לעבן אויף זייער שטייגער; מיט בתי-מדרשים, תלמוד-תורה, גמילות-חסדים-קאַסע, מעות חיטין; יומטובים, רביים, חסידים; פרייד און טרויער, האָפנונג, בטחון.

און אַ יוגנט — אַ זעלטנהייט, וואָס כאָטש פּאָליטיש אונטערדריקט פון דער אַנטיסעמיטישער פוילישער רעגירונג און עקאָנאָמיש און קולטורעל שטאַרק באַגרעניצט — רייסט זיך דאָך פון די ענגע ד׳ אמות, וויל לערנען און וויל וויסן, וויל בויען און וויל שאַפן.

★

די קינדער-יאָרן אין חדר פון מלמד ישראל „דער שוואַרצער", זיינע לערן-מעטאָדן, די שפּיצלעך וואָס מיר האָבן אים אָפּגעטון, די קלעפּ, וואָס מיר האָבן געכאַפּט...

מיין טאַטע, ע״ה, אַ שיינער, חשובער טאַרטשינער ייד, הייסער חסיד און וואַרימער מענטש, פירער און אינספּיראַטאָר פון קאָלירפולער חברה: סאַדיגורער חסידים. זיינע פריינד: שמואליק׳ל, איציק מעכל און אהרנ׳צי ווייסבערג און אַ סך אַנדערע. מיין פעטער, עוזר טובלין, אייגנהאַרטיקער טיפּ און חשיבות׳דיקער מענטש, מיינע פעטערס אברהם מרדכי און בענצי בראָנפען, די שטילע, גוטע מענטשן. יאָסעלע מרים פּראַדיעס, דער האַרציקער, זיסער בעל-תפילה. ווען האָט געקאָנט שענער אויסזינגען כל-נדרי, אָדער אָפּריכטן די עבודה יום-כיפור ביי טאָג, ווי ער! און אַזוי, דאָס גאַנצע שטעטל יידן. חסידים, לומדים און פּשוט פאָלק. רייכע און אָרימע, אַרויפגעאַרבעטע און יורדים. זייערע וואָכעדיקע טעג און זייערע שבתים. זייער טרינקען לחיים, זייער פאַרוועגן שלש-סעודות און דערציילן זיך מעשות פון „אים" און אַרויסבאַגלייטן שבת-מלכתא מיט אַ זיס-טרויעריקן ניגון. זייערע יומטובים, גאָטספאַרכטיקע און טרויעריקע, אָדער פריילעכע און מונטערע פורים-שלח-מנות, די פּסח׳דיקע סדר-נעכט און די הקפות אין שמחת-תורה. דאָס שיכור׳ן דעמלט און עסן, דאָס טאַנצן און פריילעך זיין...

מיין מאַמע ע״ה, די שטילע, קלוגע, איידעלע פרוי. אַזוי אַלע אַנדערע טאַרטשינער מאַמעס. זייער פרומקייט און ערלעכקייט, האַרעוואַניע און בריה׳שקייט, זייער צוגרייטן און אויספוצן דאָס הויז אויף שבת אָדער יומטוב. זייערע טרערן און צער, זייער שטיל שמייכלען און פרייד, זייער ליכט-בענטשן און „גאָט פון אברהם", אָדער ערב יום כיפור זייערע „קנייטלעך" לייגן און זייער אויסבעטן אַ גוט יאָר פאַר מאַן און קינדער...

★

אַ, די קינדער, די יוגנט.

צוויי מעכטיקע שטראָמען וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך פון מזרח-איראָפּע האָבן באַאיינפלוסט די טאַרטשינער יוגנט, אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. איין שטראָם — די באַלפור דעקלאַראַציע און דער רוף צו בויער אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ-ישראל; דער צווייטער שטראָם — די גרויסע רוסישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע און די פּערספּעקטיוון, אידעאַלן און האָפנונגען, וואָס זי האָט אויפגעוועקט אין די הערצער פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט.

צו ערשט איז מען צוזאַמען. דער אידעאָלאָגישער אונטערשייד איז נאָך ניט שאַרף. נאָך ניט קריסטאַליזירט. מ׳לייענט צוזאַמען, מ׳דיסקו-

טירט, מ׳לערנט זיך אַליין און מ׳לערנט אַנדערע. מיט אייגענע מיטלען שאַפט מען אַ ביבליאָטעק. יעדער איינער טראָגט צו די לעצטע פּאָר גראָשן איינצושאַפן די ערשטע פּאָר צענדליק ביכער. ס׳ווערן דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, ליטעראַרישע געריכטן; טעאַטער־פאָרשטעלונגען מיט אייגענע כוחות און אייגענע מיטלען. די הכנסה — כדי קויפן וואָס מער ביכער; די צאָל לייענער פאַרגרעסערט זיך. יעדער איינער לייענט.

שפּעטער קריסטאַליזירן זיך אויס אידעאָלאָגיעס. ס׳שאַפן זיך קרייזלעך. גרופּקעס. רעכטע און לינקע. רעכטע — אַרום דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און העברעיישער תרבות־שולע; לינקע — אַרום דער יידישער פאָלקס־שולע.

גרויסע שוועריקייטן, שטערונגען און קעגנערשאַפט ווערן באַגעגנט ביים בויען די שולעס. סיי פון דער מאַכט, סיי פינאַנסיעלע, סיי רעליגיעזע. דאָס איז געוויס אַ קאַפּיטל פאַר זיך. פול מיט אידעאַליזם, יוגנט־ברען, עקשנות און אַ סך נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין און ליבע צו העברעיש און צום יידישן וואָרט.

טראַכט איך פון יענער צייט שווימען אויף געשטאַלטן פון חברים און חבר׳טעס. פעייקע. אידעאַליסטן. מיט אַ חוש פאַר שיינקייט און פּאָעזיע. פאַר אַ גוט בוך, אַ שיין ליד, טעאַטער, מוזיק, יידישע שרייבער און וועלט־ליטעראַטור. מ׳גייט ווינטער צופוס קיין לויצק, כדי הערן שלום אַש אָדער יצחק גרינבוים, ווייל געלט סיי אויף פאָרן סיי אויף אַ בילעט איז ניטאָ. ס׳ווילט זיך אַלץ וויסן, לערנען. דער דורשט נאָך בילדונג איז גרויס. אָ, טראַכט איך ווייטער, וואָלטן יענע חברה געהאַט די מעגלעכקייט און געלעגנהייט אַנטוויקלען זייערע פעייקייטן וואָלט פון זיי אויסגעוואַקסן מענטשן — אַ שטאָלץ פאַר אונדז אַלעמען.

★

אָט, נעמט, למשל, מענדלען (צוקער). אָדער מענדל דעם רב׳ס. אַ דאַרער, אַ שלאַנקער, מיט אַן איידל געזיכט און נערוועזע באַוועגונגען. ער שטייט און רעדט וועגן חנוכה. וועגן גרויסן נאַציאָנאַלן אויפברויז און יידישער גבורה. וועגן נס פון ליכטל. וואָס האָט זיך צעברענט אין אַ העליש פייער און באַלויכטן אונדזער מאַרטירער־וועג אין אַלע דורות. מענדל מאָנט. וועקט און רופט און צעוואָרעמט אונדזער יינגע פאַנטאַזיע. אונדזער נאַציאָנאַל געפיל, און ווער קאָן צווייפלען אין גערעכטיקייט פון אונדזער אידעאַל נאָך דעם, ווי מענדל האָט געענדיקט? וואָס פאַר אַ רעדנער־קראַפט. כ׳האָב געהערט אַ סך גרויסע רעדנער זינט דעמלט, אָבער דעם רושם פון מענדלס רעדעס האָבן זיי ניט אָפּגעמעקט אין מיין זכרון.

און דער זעלבער מענדל אַלס אַקטיאָר — אין כאַראַקטער־ראָלן: אין „דאָרפס יונג״, „מאָטקע גנב״, „אַ פּוסטע קרעטשמע״, אָדער אין דראַמען. מענדלס שפּילן האָט מען געדיינקט אַ לאַנגע צייט. און אַלס רעזשיסאָר — זיינע איינפאַלן און טריקן זענען געווען אין לשער. ניט ווייניקער פון די גרעסטע רעזשיסאָרן אין אונדזער צייט.

אָט זע איך איציק סעגאַל. אביגדור מאָטל חוהס אַ זון. רייסט זיך ניט זיין פון די ערשטע. נאָר ווען ס׳קומט צו שפּילן אַ דראַמאַטישע ראָל, מיט „באַקציינער״, איז ניטאָ קיין בעסערער פון אים. נאָך היינט הער איך זיין יאושדיקן אויסגעשריי אין „גאָט פון נקמה״, ווען ער דערוווסט זיך, אַז די תורה האָט ניט אויסגעהיט זיין איינציק טאָכטערל פון זינד. פּראָטעסט, פאַרצווייפלונג, אַנטוישונג, פּאָטערס צער און געפילן פון אייגענער שולד ווערן אַרויסגעבראַכט מיט אַזוי פיל קראַפט און איבערצייגונג, אַז נאָך היינט שטיי איך און באַוווּנדער אָט דעם איציק סעגאַל און פרעג: ווּ האָסטו עס גענומען, ווּ האָסטו עס געלערנט?

הערשל פעל. אַ זשוואַווער, שיינער בחור. פול מיט לעבן. אַלע מאָל מיט אַ שמייכל. גוט־ברודעריש. אָט רעדט הערשל אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט וועגן „טאַיס״ פון אַנאַטאָל פראַנס. טאַיס, די פילאָזאָפיע פון לעבנס־שיינקייט. ציט פאַראַלעלן און ציטירט קלאַסיקער פון יידישער און וועלט־ליטעראַטור. פאַרגלייכט און אונטערשטרייכט. דערהויבט אונדז פון די ענגע טאָרטשינער האָריזאָנטן און פירט אונדז צו די הויכע, ברייטע פליינען פון וועלט־ליטעראַטור, קונסט און פילאָזאָפיע. הערשל — ביי אַ ליטעראַרישן משפט. ער פאַרטיידיקט אין דער שחיטה אסתר׳קען, וואָס האָט געקוילעט איר מאַן. ער איז דער פאַרטיידיקער פון די פאַרשטויסענע און באַעוולטע. אַנטפּלעקט די סאָציאַלע אומרעכט און פאַרדאָרבנקייט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. רעדט מיט פייער, מיט קראַפט, מיט איבערצייגונג.

און דער זעלבער בחור רעציטירט אויף דער בינע. ווער האָט עס געקאָנט מאַכן בעסער פון אים? ווען הערשל לייענט „אַ קופּע ביינער״, וועגן פּאָגראָם, און גיט אַ געשריי: „גאָט, האָסט געוואָלט אַ מאַלצייט, נאַ, פרעס!״ ציטערן די ווענט און אַ שוידער גייט דורך דורכן לייב; ווען ער רעציטירט שלום עליכם אָדער משה נאַדיר — קאַטשעט זיך דער זאַל פון געלעכטער.

און די איבעריקע? הערשלס ברודער, זאַנ־

(סוף אויף דער אַנדערער זייט)

# קאוולער זכרונות

אליהו מאנדעל (תל־אביב)

## בערעזענע ביימלעך אין ריזשינער שטיבל

אַ קליין ניט ברוקירט געסל מיט הילצערנע קלאַדקעס, אונטער דער גרויסער שול. דאָ געפינט זיך דאָס רוזשינער שטיבל. ממש ווי ס׳וואָלט זיך געטוליעט צו דער גרויסער, רויטער געביידע פון דער קאָוולער שטאָט־שול, הגם דער „זקן" פון זיי ביידן איז דאָס שטיבל. דאָס האָט אַפילו אַן אורח אויף אַ ווייל געקאָנט זען: די שינדלען פון דאַך, די הילצערנע ווענט, דאָס גאַנצע שטיבל איז געווען באַדעקט מיט מאָך, ווי גרויס ס׳איז געווען. וואָס שייך דער דרויסן.

אינעווייניק איז אַלץ געווען שיין: דער שיינער באַלעמער מיט די געשניצטע עמודים מיט אַ קופאָל, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן טיף אין דער סטעליע אַריין; דער קינסטלערישער ארון־קודש, וואָס מיין טאַטע ע״ה, דער לאַנגיאָריקער גבאי, האָט אָפּגעקויפט ביי אַן אַלטן סטאָליאַר אין ניסכיזי, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט אויף אים געאַרבעט. אַן ארון־קודש — לתפארת. און באַ קריינט האָט מען אים מיט צוויי לוחות הברית און צוויי „לעבעדיקע" לייבן אויסגעשניצט פון האָלץ פונעם קאָוולער פאָלקסקינסטלער ר׳ זוסיע קאַנטאָר ע״ה (פאָטער פון ישראלדיקן מאָלער שלמה קאַנטאָר פון קיבוץ יגור).

גלייך אונטערן שטיבל, אויף מזרח האָבן זיך פאַרשפּרייט ברייטע פעלדער און לאָנקעס, און אַ טייכל, וואָס אַ סך מאָל, אין די זומערדיקע בין־השמשות, האָבן מיר קינדער געזען אין דעם סמבטיון, מיט די עשרת השבטים פון יענער זייט...

געפירט האָט זיך דאָס רוזשינער שטיבל כלומרשט ווי אַלע אַנדערע בתי־מדרשים און שטיבלעך אין שטאָט: עטליכע „שענערע" בעליבתים, עטלעכע תקיפים, „חזקות" אויף „שיינע" עליות א.אַז.וו. אין תוך, אָבער, איז׳ס געווען אַ ביסל אַנדערש: דער אַלטער רוזשינער זצ״ל האָט געהאַט אַ סך זין און אייניקלעך וואָס האָבן זיך אַ ביסל ניט איינגעטיילט מיט דער ירושה און יעדער פון זיי האָט געגרינדעט אַ באַזונדער דינאַסטיע. מאַי טעמא האָט זיך דאָס שטיבל געטיילט אויף ט י ש ן: דער באַיאַנער טיש, דער סאַדיגורער טיש, דער טשאָרטקאָווער טיש. יעדער טיש האָט געהאַט זיינע חסידים און געפּראַוועט זייערע שמחות און יאָרצייטן פאַר זיך. פונדעסטוועגן איז מען געווען געאייניקט און וועלכער רבי ס׳האָט זיך ניט אַראָפּגעכאַפּט איז די שמחה און חסידישע הילולא געווען אַ בשותפות׳דיקע.

אין רוזשינער שטיבל האָט זיך שטענדיק געטומלט צוליב נאָך אַ סיבה: דאָס שטיבל האָט פאַרמאָגט אַ שיינע, ברויזנדע יוגנט, וואָס איז ווייט ניט געווען צופרידן פונעם „ביסל אַלט־וואַרג", וואָס האָט געוויינלעך אַ טבע צו הערשן. אָט די יוגנט האָט געזוכט אַ געלעגנהייט עפּעס אויפטון.

און אַזאַ געלעגנהייט איז זיי, ניט ריכטנדיק

---

### די אונפאַרענדיקטע סימפאָניע

(סוף פון זייט 13)

וועלע, קאָמיקער און וויצלער; יאָסל גלאָזער, דער גוטער, אינטעליגענטער חבר;ביילע קעמלער, שיינהייט, צוליב וועמען ניט איין טאָרטשינער בחור האָט געפרוווט זיין טאַלאַנט אין שרייבן ליבע־לידער; אלי שוואַרץ („דער משוגענער") דיכטער און טרוימער, מיין חבר מאיר קרעדיטאָר, האָרעפּאַשניק און צאַרטער בחור; סלאָווע שטולבערג, אידעאַליסטין און טרוימערין, דער קליינער ראָזנפעלד — און אַ סך אַ סך אַנדערע, די אַלע קליינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך — — —

דאָס זענען זיי, די דערמאָנטע און ניט דערמאָנטע, די טאָרטשינער יוגנט. אַ יוגנט וואָס האָט געוואָלט לעבן, לערנען און בויען; וואָס האָט מיט איר שווייס און בלוט געשאַפן די מדינת ישראל. איצט שטייען זייערע זין און טעכטער אויף די בערג און טאָלן פונעם לאַנד, פאַרטיידיקן דאָס געשאַפענע. זענען זיי דאָך אַליין אַזוי געשטאַנען בעת דער מלחמת העצמאות.

זיך, ווי אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון הימל: צען בערעזענע ביימלעך.

מעשה שהיה כך היה: דער איינגאַנג אין שטיבל איז געווען אַ מין לאַנג געסל. האָט דער גבאי, וואָס האָט געהאַט אַ ביסל שוואַכקייט צו נאַטור, אין איין עצה מיטן יינגוואַרג, פאַר־פלאַנצט, ערב שבועות, צען יינגע בערעזקעס. פינף פון יעדער זייט סטעזשקע. אַ מתנה פון אַ ייד, אַ נגיד, און אַ „מאָדערנער״ דערצו, ר׳ פאַליק פידל.

איז שבת פאַר שבועות געגאַנגען דאָס שטיבל אויף רעדלעך די מתנגדים פון גבאי, בראש ר׳ שרוליע לאַנדאַו, אַ פאַנאַטישער ייד, מיט זיינע אַנהענגער, האָבן געמאַכט אַ ויצעקו:

— ס׳טייטש, היתכן, דער גבאי וויל מאַכן פון שטיבל, להבדיל, ווי אַ קלויסטער, מיט ביימער גאָר. ווו איז געהערט געוואָרן אַאַז זאַך. אַ יידישער מקום־קדוש!

דעם שבת, נאָך מיטיק, האָבן זיי מפסיק געווען דאָס לערנען און באַשלאָסן, אַז תיכף נאָך הבדלה, איה״ש, וועלן זיי די ביימלעך עוקר מן השורש זיין.

האָט זיך דאָ אַריינגעמישט די יינגוואַרג. באַלד נאָך מעריב האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט צו צוויי שורות פון יעדער זייט שורה ביימלעך — און, אדרבא, זאָל עמיצער פּרווון רייסן די ביימלעך! ווי באַלד אַזוי, האָט די „רעוואָלוציאָ־נערע״ יוגנט פאַרקלערט נאָך עפּעס: זיי האָבן ערב שבועות דעקאָרירט דעם בעלעמער מיט אַ סך גרינס, פאַרשפּרייט אויפן פאַל לעפּעכע פונעם נאָענטן טייכל, פאַרכאַפּט דעם גרויסן פאַליש, דאָרט אַריינגעשטעלט דעם אַלטן ארון־קודש און געשאַפן אַן אייגענעם מנין פון בלויז יינגוואַרג.

ווען די זאַך איז באַוווסט געוואָרן צווישן דער יוגנט אין שטאָט, האָט מען אָנגעהויבן לויפן דאַוונען אין „זייער״ יינגן מנין. יינגוואַרג פון אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. פון צעירי מזרחי ביז השומר הצעיר. אפילו פון בונד און גימ־נאַזיסטן. ס׳איז געוואָרן ליהודים. און געדאַוונט האָט מען — בהתלהבות...

צו ביסלעך, צו ביסלעך האָט „מנצח געווען״ די יוגנט. הרב אפרים קירזשנערס יינגער איי־דעם איז געוואָרן רב פון רוזשינער שטיבל. דאָס איז געווען ממש אַ זיידענער יינגערמאַן. אַ גרוי־סער למדן, אָבער אויך אַ „היינטוועלטיקער״. ער איז אויך געווען באַאיינפלוסט פון זיין יינגן שוואָגער, וואָס איז געשטאַנען בראש „תפארת בחורים״ און איז געווען אַקטיוו צווישן דער רעליגיעזער יוגנט אין שטאָט.

★

כ׳וויל דאָ דערמאָנען געציילטע פון יענער יוגנט אין רוזשינער שטיבל:

די ברידער מענדל און יוסף באַקון. צוויי האָרעפּאַשנע פאַכלייט אין צוקערמאַנ׳ס מיל; געחלומט האָבן זיי עולה זיין קיין אַרץ־ישראל און אַרבעטן אין באַראַן ראָטשילדס מיל אין חיפה. אַ חלום וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרווירק־לעכט געוואָרן.

די ברידער אהרן און שלמה לקח. אויך זיי האָבן געשטרעבט קיין ארץ־ישראל און אַפילו געחלומט זיך אַנשליסן צום „אַרבעטער־קלאַס״ אין אַ קיבוץ. שלמהן איז געלונגען אַנטלויפן צוזאַמען מיט די רוסן, אָבער איז אומגעקומען אין טיף רוסלאַנד.

די אייניקלעך פון ר׳ שרוליע לאַנדאַו. לה־כעיס דעם זיידן האָבן זיי זיך געלערנט פאַכן כדי עולה זיין. זייערע תפילות זענען ווייזט אויס אין הימל ניט אָנגענומען געוואָרן...

יחזקאל און נחום זעלצער, צוויי שיינע, בלאָנ־דע יינגלעך, גוטע לערנער: נפתלי מלמד, אַ בחור אַ ריז מיט צוויי געזונטע הענט און אַ געזונטע נשמה. ווען ער האָט געמאַכט הגבה מיט דער שווערער ספר תורה, איז מען געווען זיכער אַז מ׳וועט ניט דאַרפן פאַסטן... די ברי־דער ברוך און משה ביאַלער, יאָרן־לאַנג באַאַר־בעט אַליין זייער גרויסן גאָרטן און זיך געלערנט זיין יידישע פּויערים; די פעייקע 4 ברידער קונישצער. נאָר איינער פון זיי האָט זוכה געווען עולה זיין; די 3 ברידערלאַך ווערבע. די פאַר־מאַנענטע שלוחי־מצוה צו אַ קראַנקן אָדער צו אַן אָרימער פאַמיליע; שרוליק שטיינוואָרצל — דער שוויגער און גרויסער תלמיד־חכם; דער בוכהאַלטער שלמה׳לע בערגיל — געווען אַ מזיגה פון „תורה, סחורה און השכלה״; שרוליקל אייזיק־חסיד׳ס, אַ הייסער חסיד פון... מאַרטין בובער און זיין שטרעבונג איז געווען אַריבער־פירן דעם חסידישן ברען אין... די קיבוצים פון השומר־הצעיר.

די אַלע און אַ סך, אַ סך אַנדערע האָבן גע־לעבט און געדאַוונט און געלערנט צוזאַמען אַ שיעור און געחלומט וועגן אַ נשמה־יתירה׳דיק לעבן... נאָר אין ארץ־ישראל. אַ לעבן, וואָס זאָל זיין אַ מין געמיש פון חסידות און אהבת ישראל און יושר — מיט עבודת כפיים.

זיי זענען ליידער אַלע אויסגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט די צען בערעזענע ביימלעך, וואָס זיי האָבן געפלאַנצט, צוזאַמען מיטן רוזשינער שטיבל, וואָס איז געוואָרן א בערגל אַש...

## סאַרנער זכרונות

משה בורקא (תל־אביב)

# אין געיעג נאָך עולם־הבא

## רעליגיעזע עסקנים אין סאַרני

איינער פון די פּאָפּולערסטע און טעטיקסטע עסקנים אין סאַרני איז געווען ר׳ פּנחס זאַנדוויס, אָדער, ווי מ׳האָט אים בדרך כלל גערופן, פּיניע מושקעס. אַ גרויסער ירא־שמים, איז ער ממש געווען אַ „מצוה־פרעסער״. רק געזוכט אַ מצווה׳לע כדי פאַרגרעסערן זיין חלק עולם הבא. איז קיין רבותא ניט וואָס דער ענין פון **לערנען** תורה אָרימע, יידישע קינדערלאַך האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט און, בעצה אחת מיט צווייטן פרומען עסקן, שו״ב ר׳ פסח־אליהו כץ, האָבן זיי געגרינדעט אין סאַרני אַ תלמוד־תורה. היות, אָבער, זיי האָבן ניט **דערליידיקט די אַלע** נויטיקע פאָרמאַליטעטן, געפאָדערטע פון דער פוילישער מאַכט ביים פאַרלייגן אַ געזעלשאַפטליכע שולע, האָט די ת״ת פּשוט פיגורירט אַלס זייער אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג און „אייגנטום״.

ס׳זענען אַריבער יאָרן. די ת״ת האָט זיך פיין אַנטוויקלט. די צאָל תלמידים איז געוואָקסן און ס׳זענען אַנגאַזשירט געוואָרן **נאָך מלמדים און** לערער. אויסגעהאַלטן האָט זיך די תלמוד־תורה פון שפּענדונגען און באַשטייערונגען פון דער סאַרנער יידישער באַפעלקערונג — און דעפּיציטן אין בודזשעט האָבן ב״ה ניט געפעלט. וועגן פאַרשידענע סאָציאַלע פאַרזיכערונגען פאַרנעם פּערסאָנאַל, ווי למשל קראַנקען־קאַסע, וואָס איז געווען אין פוילן אָבליגאַטאָריש, האָט קיינער אַפילו ניט געטראַכט. האָט זיך **געמאַכט** און ס׳אויסגעבראָכן אַ סכסוך, **עטליכע יאָר פאַר** דער צווייטער וועלט־מלחמה, צווישן אַ לערער און דער פאַרוואַלטונג **פון דער ת״ת. דער לערער** האָט זיך באַקלאָגט ביי דער מאַכט און אין רעזולטאַט דערפון האָט די אָרטיקע קראַנקען־קאַסע געפאָדערט פון דער ת״ת פאַרזיכערונג־אָפּצאָל, פּראָצענטער, **שטראָף א. אז. וו. צוזאַמען** אַ סומע פון בערך 4.000 **זלאָטעס. צו פאַרזיכערן דעם חוב איז געלייגט געוואָרן אַ סעקוועסטער** אויף די **פריוואַטע הייזער פון ה״ה** זאַנדוויס — כץ, **וואָס האָבן אָפיציעל פיגורירט** אַלס בעלי־בתים פון דער תלמוד־תורה.

בעת צרה פלעגן סאַרנער יידן זיך נוהג זיין זיך ווענדן צו מיר קיין **וואַרשע, ווו איך בין** אַ סך יאָרן פאַר דער צווייטער מלחמה געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך. אַזוי האָב איך אין איין שיינעם טאָג באַקומען פון די צוויי עסקנים אַן אַלאַרמירנדיקע בקשה אַרויסהעלפן זיי פון דעם אומגליק און דערמיט אויך ראַטעווען די ת״ת פון שליסן זיך.

דאָס איז געווען אַ **גאַנץ־קאָמפּליצירטער ענין.** די פוילישע מלוכה־אַנשטאַלטן זענען בלאָוו־הכי דערגאַנגען די יאָרן יידישע שולעס און חדרים און זיך באַמיט זיי פאַרמאַכן. דאָך האָט זיך מיר איינגעגעבן, **נאָך לענגערע באַמיִונגען אין** דער צענטראַלע פון קראַנקן־קאַסעס אין וואַרשע, פאַרקלענערן די געפאָדערטע סומע אויף 360 זלאָטי, וואָס דאַרף איינגעצאָלט ווערן אין 12 חודשליכע ראַטעס. די ת״ת פאַרוואַלטונג, האָט פון גרויס פרייד, ממש **איינגעאָרדנט אַ הילולא** און די ת״ת האָט ווייטער נאָרמאַל פונקציאָנירט.

ווען איך בין געקומען אַ היים אויף אַ באַזוך איז געקומען צו אונדז ר׳ פּנחס זאַנדוויס און מיר האַרציק באַדאַנקט וואָס כ׳האָב אים אַרויסגעראַטעוועט פון אַ צרה, אָבער **גלייכצייטיק** האָט ער פון מיר געפאָדערט „מעקלערײַ״ — אַ חלק פון דער מצווה וואָס ער **האָט מיר „צוגעשאַרט״** — אָפּראַטעווען די תלמוד־תורה. ער איז באַשטאַנען אויף דעם מיט דער גאַנצער ערנסטקייט און תמימות: דאָוועגען מיר דאָך יעדן טאָג „ותלמוד תורה כנגד כולם״ איז אויף זיין חלק פון אַזאַ „**פעטער מצווה״ קאָן ער** בשום אופן ניט מוותר זיין.

★

מיין אומגעריכטער דערפאָלג ביים **דערליידיקן** דעם ענין האָט ווייזט אויס „באַקומען פליגל״ אויף אויסער סאַרני, ווייל אין אַ **קורצער צייט** נאָכדעם האָב איך באַקומען פון סטאָלינער רבינס הויף אַן ענליכע בקשה: דער סטאָלינער רבי ר׳ משה׳לע, האָט, בויענדיק אַ נייַ הויז אין סטאָלין, באַקומען אַ **גרעסערן קורצטערמיניקן קרעדיט** פון „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָוועגאָ״ (אַ פּויליש־מלוכה׳שע באַנק). דער רבי איז ניט אימשטאַנד געווען **איינצאָלן די גרויסע ראַטעס** אין דער צייט און די באַנק האָט געדראָט פאַרקויפן דאָס הויז דורך עפנטליכער ליציטאַציע. **אַ כלל: ראַטעווע!**

בין איך געלאָפן, טאָג־איין טאָג־אויס אין דער צענטראַלע פון יענער באַנק, ביז ס׳מיר סוף־סוף געלונגען, נאָכן אויסנוצן פאַרשידענע „פּראָטעקציעס״ פאַרלענגערן דעם קרעדיט פון 3 אויף 15 יאָר מיט מעסיקע פּראָצענטער. ווייזט אויס, אַז דער רבי איז געווען שטאַרק צופרידן פון מיין „אַרבעט״, ווייל כ׳האָב גלייך באַקומען פון אים אַ פּאָסט־קאַרטל פול מיט דאַנקען, תהילות ותשבחות „על החסד שעשית עמדי״, מיט פיל ברכות וכו׳ וכו׳.

באַקומענדיק דאָס פּ״ק האָב איך עס תיכף איבערגעשיקט מיין פאָטער ז״ל קיין סאַרני. זאָל ער סוף־סוף האָבן אַ ביסל נחת פון זיין זון! מיין פאָטער האָט, פאַרשטייט זיך, געלייענט דאָס פּ״ק פאַר אַלע חסידים אין סטאָלינער שטיבל און הגם אַלע מתפללים דאָרט זענען געווען חסידים פון רבין ר׳ מלך׳קע, האָבן דאָך די וואָרעמע ברכות פונעם רבין ר׳ משה׳לע, אָדער ווי זיי האָבן אים גערופן „דעם רבינס ברודער״ געמאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן איינדרוק. מער פון אַלעמען איז געווען דערפון גערירט ר׳ פנחס זאַנדוויס. ער האָט מיין פאָטער פריינדלעך געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— אַ טריפה־נע הצלחה האָסטו, פּסח׳ל, אָט אַזוי „ניע כאַריושי, ניע באַליושי״ (אָן וויטיקן) פאַקסטו זיך אַריין אין גן עדן אַריין, ווייל פון דער מצווה פון דער אָפּגעראַטעווער תלמוד־תורה, צוזאַמען מיט די ברכות פונעם רבין, איז דאָך דיין משה׳לע געזיכערט מיט עולם־הבא, נו, און איך ווייס דאָך אַז דיין משה׳לע וועט דיך ניט לאָזן שטיין אין דרויסן...״.

ר׳ פנחס איז געווען ווייט פון צו זיין אַ ייד — אַ לץ. ער האָט עס געמיינט מיט דער פולער ערנסטקייט און תמימות, ווי ס׳נאָר מסוגל דערצו אַ ייד, אַ גרויסער ירא־שמים און מאמין באמונה שלמה, ווי ער איז געווען.

# וואָלין

יוסף פּערלשטיין (רמת־גן)

וואָלין! ווי טיף דו האָסט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון,
מיט דיינע גרינע לאָנקעס, ווייט־צעשפּרייטע פעלדער.
מיט דיינע שמאָלע שטעגלעך צווישן צייטיק־הויכן קאָרן,
מיט דיינע בליענדיקע סעדלעך, אַנגעגרויזטע וועלדער.

די שיינע פרילינגס דיינע, אין זומער — די פאַרנאַכטן,
די שווערע ווינטערס, ווען ביי רובע כ׳בין, אַלס קינד, געזעסן...
און, ווי כ׳וואָלט ניט וועלן מער פון דיר, וואָלין, איצט טראַכטן.
ווען כ׳וואָלט געקאָנט כאָטש אויף אַ רגע דיך פאַרגעסן!

אָבער אויף צו־להכעיס, ווי נאָר כ׳מאַך צו די מידע אויגן
נעמען כאַטקעס אויפטויכן שטרוי־באַדאַכלטע, באַליימטע,
און כ׳דערזע גאַוורילאַן: טשופּרינע און האַק. און פּאַסטעלעס.
מיט א רויטן ׳פּאַיאַס׳ אויף זיין העמד באַצלמט־אויסגענייטע.

און כ׳דערזע מיין טאַטנס שטוב דאָרט, כ׳דערקען זי צווישן אלע...
אוי גאַוורילא העלפט די דייטשן שלעפן מיינע שוועסטער־ברידער.
מיט פרייד גאַוורילאַס גויה האָט געגעסן מאַמעס שבתדיקע חלה,
איצט לויפט באַלייגט מיט פּעקלעך־רויב אין פריילעכן גערודער — —

ווי שיין געווען דו ביסט, וואָלין, אין זומער־וואַרעמע פאַרנאַכטן,
די שווערע ווינטערס, ווען ביי רובע כ׳בין אַלס קינד, געזעסן...
און, ווי כ׳וואָלט ניט וועלן מער פון דיר, וואָלין, איצט טראַכטן.
ווען כ׳וואָלט געקאָנט כאָטש אויף אַ רגע דיך פאַרגעסן!

## זעלטענע פשוטע יידן

אברהם גערשענזאָן (ניו־יאָרק)

# ר׳ יוזיפ בעל־עגלה

ר׳ יוזיפ איז ניט געווען סתם אַ בעלעגלה ווי אַנדערע בעלעגלות אין טאָרטשין אָדער אין די אַרומיקע וואָלינער שטעטלעך. ער איז געווען ר׳ יוזיפ בעלעגלה.

אין אמתן איז ער געווען אַ געוויינלעכער, מיטלמעסיקער ייד. אַלץ איז ביי אים געווען מיטלמעסיק: אַ מיטעלע וווּקס, ניט הויך, ניט נידריק; ניט קיין גרויסער חכם אָבער אויך ניט קיין נאַר; ניט קיין גרויסער למדן, אָבער אויך ניט פאַרגרעבט ווי אַנדערע בעלעגלות; ניט רייך, אָבער אויך ניט פון די אָרימע לייט. נאָר זיין פנים איז ווי געווען פון אַן העכערער מדרגה: מילד, גוטמוטיק און שטענדיק באַלויכטן מיט אַ לייכטן, אַפילו אַן האַרציקן שמייכל.

ר׳ יוזיפ איז געווען אַ קאָנטראַסט פון אַ סך אַנדערע בעלעגלות: קיין מאָל ניט גערעדט קיין ניבול־פה, ניט געברייעט קיין ליגנס, ניט געשאָלטן, זיך באַמיט שטענדיק האַלטן וואָרט. געווען איז ער אַ ירא־שמים און ערלעך ביז גאָר. אַ חשובער באַלעבאָס אין דער גרויסער שול. געלאָזט זיך קאָסטן אַ שיינע פאָר רובל אין דער שול יאָר איין, יאָר אויס. אָבער ניט דערפאַר האָט מען אים ליב געהאַט. יינג און אַלט אין שול האָבן אים ליב געהאַט צוליב זיינע... קעלבלעך.

ער איז, חלילה, ניט געווען קיין סוחר פון בהמות. ער האָט אויך ניט געהאָדעוועט, ווי מ׳קאָן מיינען, קעלבלעך, אָדער כדומה־למשל. ער פלעג האָדעווען איין קעלבל וואָס זיין איינציקע בהמה פלעג אים מזכה זיין יעדן יאָר. קינדער פלעגן זיך אָנדערציילן פון זיין קעלבל און זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון דער שיינקייט פונעם קעלבל: ווייס־שוואַרץ, רויט, געפלעקט... ער פלעג עס אַזוי, האָדעווען אַז אין פערלויף פון אַ האַלב יאָר בערך אָדער מער, איז דאָס קעלבל געוואָרן אַ גאַנצע קו... ווייבער פלעגן זיך וויצלען זעענדיק ווי די „פריילן" קערט זיך אום אַן אויסגעפּאַשעטע פון דער פּאַשע...

ס׳האָט זיך אַ מאָל ווער אונטערגעגנבעט און זיך אונטערגעהערט וואָס טוט ר׳ יוזיפ מיטן קעלבל, ווען ער איז איינער אַליין אין שטאַל מיט זיינע בעלי־חיים.

„כשר קעלבעלע וואָס דו ביסט", האָט ער געגלעט דאָס קעלבל און אים אונטערגעשטופּט אַ ספּעציעלע קאַשע פון קלייען וואָס ער האָט פאַרמישט. „עס, קעלבעלע, עס. וועסט גרויס ווערן, פעט ווערן און וועסט זוכה זיין מער ווי אַלע אַנדערע קעלבלעך אין דיין אַלטער...".

— מי־י־י, האָט זיך דאָס קעלבל פּאָסמאָקעוועט פון דער געשמאַקער סעודה, אַז ס׳האָט זיך נעבעך אַזש פאַרסלינעט.

„מי־י זאָגסטו, נאַריש קעלבעלע וואָס דו ביסט. מי־י? ובכן, זאָלסטו טאַקי וויסן זיין. אַלע אַנדערע קעלבלעך אין דיין אַלטער ווערן סתם געשאָכטן און אויפגעפרעסן און קיינער זאָגט זיי אַפילו ניט קיין דאַנק, און דו פאַרדינסט פשוט מצוות..." און ר׳ יוזיפ דערלאַנגט דעם אונטער אַ האַלבן עמער פרישע וואַסער.

— ב... זשלאָקעט דאָס קעלבל אויס די גאַנצע וואַסער און פּאָסמאַקעוועט זיך ווידער. ב...

— „ב?, זאָגסטו. קעלבל שכמותך, אדרבא, זאָג אַליין, אפשר קאָנסטו נאָך אַ קעלבל, וואָס יידן זאָלן עס דערמאָנען מיט פרייד אַזוי ווי דיך? ווער ווייסט, אפשר זענען דאָ אויך אַזעלכע וואָס בענטשן דיך טיף ביי זיך אין האַרצן. ווער ווייסט, אפשר וועט טאַקי דיין נשמה באַקומען אַ מאָל אַפילו אַ תיקון. ווער ווייסט? געוויס האָסטו דאָך אויך דו אַ שטיקל נשמה. ווער ווייסט... ס׳שטייט דאָך כי הדם הוא הנפש. און דיין בלוט ווערט נעבעך פאַרגאָסן... אָבער דערפאַר ביסטו דאָך זוכה...".

ווילסטו דאָך פרעגן מיט וואָס אַזוינס האָבן ר׳ יוזיפס קעלבלעך זוכה געווען? ובכן, להוי ידוע לך: ר׳ יוזיפ האָט ניט פאַרקויפט זיינע קעלבלעך כדי נתעשר צו ווערן. ער האָט זיי שטענדיק פאַרקויפט ערב סוכות כדי קויפן פאַרן געלט שמחת תורה ביינאַכט „אתה הראית" און צעטיילן די פסוקים לכל דיכפין, אָרים און רייך, יינג און אַלט. יעדן איינעם אַ פסוק, כדי יעדער איינער זאָל גיין מיט הקפות און זיך אָנווונשן, אויך אים, אַ גוט, געזונט יאָר...

שוין אַ סך יאָרן אַזוי אַז דאָס קויפן „אתה הראית" איז ר׳ יוזיפס „חזקה" און ווער וועט זיך עפּעס פאַרמעסטן אויסקויפן ביי אים אָט די „חזקה"? און צוריקגעשמועסט, ווער האָט עס אַזוי פיל געלט דערצו?

★

אָבער ניט נאָר אַ דאַנק די קעלבלעך און „אתה הראית״, להבדיל, איז ר׳ יוזיפּ בעלעגלה מפורסם געוואָרן. ער איז אויך מפורסם געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס אַ טאָג פאַר פּסח, ס׳הייסט ערב פּסח, איז שוין ביי אים יומטוב. שוין אַ טאָג פאַר פּסח רוט ער און ס׳רוען זיין פערד און דאָס כדי אַריינפאָרן אויסגערוטע אינעם פּסח אַריין. אינעם ערשטן סדר־נאַכט. אויך דאָס איז, פאַרשטייט זיך, צוליב אַ מעשה שהיה. ומעשה שהיה, כך היה.

ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מאָל אַ וואָך פאַר פּסח. די פרילינג־זון האָט זיך ווי אויפגעוועקט און אָנגעהויבן אויסוואַרימען מיט כוח די גראָדעס אייזבערג וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין שטעטל פון אַ גאַנצן ווינטער. מיט אַ מאָל איז דאָס שטעטל פאַרזונקען געוואָרן אין אַ גרויסער בלאָטע, ממש איבער די שטיוול און טאַקע ניט איין שטיוול פלעג מען דאָרט איבערלאָזן איבערגייענדיק פון איין הויז צום צווייטן. אַ כפרה די שטיוול, אַבי זיך ראַטעווען מיטן לעבן.

אין יענעם ערב פּסח איז ר׳ יוזיפּ אויפגעשטאַנען מיטן צעקרייען זיך פון הענער, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן שאַרן אויף טאָג. ס׳דאַך עפּעס ערב פּסח, מ׳דאַרף אַלץ באַוויזן פריער. ער איז צוגעפאָרן צו זיין געשטעל נעבן קלויסטער. געהייסן זיין 12 יאָריקן זון וואַרטן אויף די פּאַסאַזשירן און אַליין אַוועק אין שול אַריין אַריינכאַפּן אַ דאַווענען און טאַקע עפּעס איבערכאַפּן. אָפּגעדאַוונט, איבערגעכאַפּט, שנעל צוריקגעלאָפן. די פּאַסאַזשירן זיצן שוין אויף זייערע ערטער — היידאַ, מ׳פאָרט קיין לויצק. צווישן איין וויאָקען אויף די פערד און צווייטן האָט ער געזאָגט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים אויף אויסנווייניק. זיך דורכגערעדט אַ ביסל מיט די פערד און, להבדיל, מיטן רבונו־של־עולם, הויך אויף אַ קול, אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ אויף דער שווערער פּרנסה און דאָך געדאַנקט גאָט פאַר זיין חסד וואָס ער טוט מיט אים און מיט זיין הויזגעזינד, ווייל, ווי שוין געזאָגט, ר׳ יוזיפּ בעלעגלה איז אַ מענטש, אַ גאָטספאָרכטיקער.

אין לויצק איז ר׳ יוזיפּ פאַרפאָרן אין דער טאָרטשינער סטאַנציע. אָנגעזאָגט די פּאַסאַזשירן זיי זאָלן זיך אָפּפאַרטיקן וואָס שנעלער, ווייל היינט איז ערב פּסח, און די בלאָטע איז גרויס און מ׳דאַרף מאַכן חרוסת אויך, און נאָך עפּעס... האָבער פאַר די פערד אָדלערס, אַ לחיים פאַר זיך אין שענק — און אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער לויצק צענויפנעמען זיינע פּאַסאַזשירן מיט זייער איינגעקויפטער סחורה און — היידאַ אַ היים!

פאָרנדיק אַ היים קומען ר׳ יוזיפן אַרויף אַזעלכע פאַרשידענע מחשבותן. וועגן די מתנות וואָס ער פירט אַ היים פאַר די קינדער לכבוד פּסח; וואָס זיין פלונית׳טע האָט אים אָנגעזאָגט, קומען פריער אַ היים, ווייל היינט אויפדערנאַכט דאַרף מען פּראַווען דעם סדר. און פאַר זיינע אויגן ווייסן זיך די אויסגעקאָלכטע ווענט, עס געלבט זיך די פרישע ליים אויפן דיל. ער זעט זיינע קינדערלעך מיט זיין ווייב אין די נייע מלבושים׳לעך. דעם טיש מיטן ווייסן טישטוך. די אַלע פּסחדיקע מאכלים... די פאַלירטשיקעס מיט די קניידלעך רייצן זיינע נאָז־לעכער... און אַ זיסער שמייכל צעגיסט זיך אויף זיין פּנים... חס ושלום. ס׳גאָרניט ניט געשען אויפן וועג. אָנגעקומען בשלום. אַלע איילן זיך אַ היים. ער אויך. שפּאַנט שנעל אויס די פערד פון וואָגן. פירט זיי בכבוד אין שטאַל אַריין. גיט זיי טרונקען און עסן, און אַליין לויפט מען אויף שנעל אין מרחץ אַריין.

פון מרחץ קומט ר׳ יוזיפּ אַ האַלב נאַסער. טוט אָן די יומטובדיקע קאַפּאָטע און גייט מיט די קינדערלעך אין שול אַריין. אין שול איז יומטובדיק. אַלע זענען אָנגעטון יומטובדיק. דער יומטובדיקער מעריב ווערט געזונגען הויך און פריילעך. מ׳ווונטשט זיך אַ כשרן פריילעכן יום־טום און מ׳גייט גאָר פריילעכע אַ היים. אַ היים קומט ר׳ יוזיפּ אַריין מיט אַ גאָר פריילעכן גוט יומטוב. די קינדערשע אויגעלעך גלאַנצן פון פרייד. „מ׳וועט באַלד פּראַווען דעם סדר״ זאָגן זיי זיך אָן איינער דעם צווייטן. ר׳ יוזיפּ שמייכלט פון גרויס הנאה. זיס און האַרציק. דער טיש איז שוין כמעט צוגעגרייט. זיין ווייב בענטשט די ליכט וואָס זי האָט צוגעגרייט אין די מעשענע לייכטער. זאָגט אַ פריילכן גוט יומטוב. אָט מאַכט ר״ יוזיפּ דעם יומטובדיקן קידוש. אמן. בורא פּרי הגפן. אַלע טרינקען פון די כוסות וויין. כהא לחמא עניא. די פיר קשיות. עבדים היינו. אַלע זאָגן זינגענדיק די הגדה...

ר״ יוזיפן באַפאַלט פּלוצים אַ גרויסע מידקייט. זיינע אויגן עפּעס מאַכן זיך צו און זאָגנדיק אַזוי די הגדה ווערט ער אויף אַ ווײַלע געשמאַק אַיינגעשלאָפן.

און ס׳חלומט זיך ר׳ יוזיפן אַז ער איז מיט זיין פערד און וואָגן פאַרגריזעט געוואָרן אין דער גרויסער בלאָטע אויפן טאָרטשינער וועג. ער גייט אַראָפּ פונעם וואָגן און טאָפּטשעט אין בלאָטע, מיט איין פוס כמעט ביז דער קני... די פּאַסאַזשירן קריכן אַראָפּ. ער בעט זיי אַלעמען אונטערשטעלן אַן אַקסל כדי דער וואָגן זאָל זיך ניט איבערקערן, ער ווייזט זיי ווי אַזוי. און שלאָפנדיק אַזוי גיט ער מיט אַלע כוחות אַ שטעל אונטער אַן אַקסל אונטערן פּסחדיקן

(סוף אויף דער אַנדערער זייט)

בערל גל (ניו־יאָרק)

# דער טויט־מאַרש פון אליקער יידן

עלף טעג אין חודש אב תש״ב (25 יולי 1942). כ׳וויל אָנהויבן דערציילן פון דעם טאָג אָן, איינע פון די לעצטע טראַגישע טעג פון אייראָפּעיִשן יידנטום און פון די שרעקלעכסטע טעג אין געטאָ פון אונדזער אומגליקליך שטעטל אָליק. אַ טאָג, ווי אַלע אַנדערע טעג, פול מיט פּחד און טויט־שרעק. רייך אין איבערלעבענישן און האַרץ־קלאַפּעניש. אַ טאָג — אַ יאָר. אייגנטליך — ווי אַלע אַנדערע טעג. און יעדער טאָג אין געטאָ מיט זיינע אַנדערע צרות. ניט געווען אַ טאָג מ׳זאָל קאָנען לייכטער אָפּאָטעמען. אַ ביסל דערכאַפּן דאָס חיות.

די געטאָ איז געווען פאַרצוימט מיט אַ געדיכטן פּלויט פון שטעכיקן דראָט. ס׳איז געווען שטרענג פאַרבאָטן יידן אַרויסגיין און קריסטן — אַריינגיין. אַ וויזיט אין געטאָ האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף אויף פאַר קריסטן. „אין יוצא ואין בא”. ס׳איז אַפילו געווען שטרענג פאַרבאָטן אויף ביידע צדדים זיך דערנענטערן צום פּאַרקן. דעריף האָט שוין גוט אַכטונג געגעבן די אוקראַיינישע מיליץ. פאַר עובר זיין אויף דעם באַפיל האָבן זיי געשלאָגן, ניט איינמאָל, ביז טויט.

פון געטאָ האָבן געפירט צוויי אַרויסגענג. פריער איז געשטאַנען ביי די טויערן אוקראַיינישע וואַך, שפּעטער איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אַמט דער יידישער מיליץ. די יידישע זשאַנדאַרמען זיינען ליידער ניט געווען אַ סך בעסער פון די אוקראַיינער. זיי האָבן גוט מקפּיד געווען וועמען מ׳קאָן יאָ אַרויסלאָזן און וועמען — ניט. אַ חוץ דעם האָבן זיי זיך ניט אָפּגעזאָגט פון שוחד. ווילסטו אַרויסגיין — באַצאָל. און צו וואָס האָבן יידן, נעבעך, באַדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ? מ׳האָט מיטגענומען דעם לעצטן אָנצוג, די לעצטע פאָר שיך, כדי אויסטוישן אויף אַ שטיקל ברויט, עטליכע קאַרטאָפל, אַ ביסל מילכיקס אָדער פעטס פאַר די קליינע קינדערלעך. פרייזן האָבן איבערהויפּט ניט עקזיסטירט. אַז דער גוי איז שוין געווען איבערצייגט, אַז ער כאַפּט אַ מציאה, האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן דינגען און ווער האָט זיך דען געדינגען. מ׳האָט גענומען וואָס דער גוי האָט געגעבן און מ׳איז צוריקגעלאָפן אין געטאָ. אַז מ׳האָט נאָך געהאַט אַ ביסל מזל האָט די יידישע מיליץ אַדורכגעלאָזן בשלום און מ׳איז געווען צופרידן. דער איינציקער פאַרלאַנג און ציל איז געווען: איבערלעבן. איבערקומען דעם גרויל. אַלע זענען געווען זיכער אין היטלערס מפּלה און יעדער איינער האָט געוואָלט דאָס דערלעבן.

פאַרן פלויט האָט זיך אויך געפירט אַ שטיקל מסחר. גאַנץ פרי, נאָך פאַרן זון־אויפגאַנג, האָסטו דאָרט געקאָנט באַמערקן דאַרע, אויסגעמאָגערטע געשטאַלטן פון מענער און פרויען, דאָס רוב זקנים, וועלכע פלעגן אָוועקגעבן זייערע לעצטע זאַכן פאַר אַ שטיקעלע ברויט, פאַר אַ קאַרטאָפל. אַ שטיקל גרינס אָדער פּרוכט...

★

די טעג נאָך דער אויבנדערמאָנטער דאַטע זענען געווען, ווי שוין געזאָגט, שווערע, בלוטיקע. די היטלעריסטישע חיות האָבן געווילדעוועט איבער גאַנץ אייראָפּע. ווי צעבושעוועטע, הונגעריקע וועלף. מ׳האָט יעדן טאָג דערוואַרטעט דאָס פאַלן פון סטאַלינגראַד — און דערנאָך גאַנץ רוסלאַנד. אונדזער שטימונג איז געוואָרן אַלץ קלאָגעדיקער. מיר פלעגן זיצן און אַריינטראַכטן פון וואַנען קאָן קומען אונדזער הילף. מאין יבוא עזרי. אונדזערע „חשבונות” האָבן ניט אָנגעזאָגט קיין בשורות טובות, דאָך האָבן מיר געהאָפט און געגלויבט.

דער עלטערער דור פלעג אָפּריכטן תפילות און תעניתים. אַלץ אָפּטער און אָפּטער. אַז דער ריבונו־של־עולם זאָל זיך דערבאַרימען און העלפן. אַלע אַנדערע זענען גענומען געוואָרן

---

### ר׳ יוזיפ בעל־עגלה

(סוף פון זייט 19)

טיש, אויף וועלכן זיין ווייב, די מלכה, האָט שוין דערלאַנגט די גאָלדענע יויך מיט די פּסח׳דיקע כרעמזלעך... דער טיש האָט זיך איבערגעקערט. אַלץ צעבראָכן. פאַרשפּריצט מיט הייסע יויך און געלע ליים אַלע יומטובדיקע קליידער. דער דיל — אַ געלע, קלעפּעדיקע בלאָטע...

אין יענער סדר־נאַכט האָט ר׳ יוזיפ אַ נדר געטון ערב פּסח קיין מאָל ניט טרייבן די פערד קיין לויצק. ערב פּסח זיך גוט גוט אויסרוען. ער האָט וואָרט געהאַלטן אַלע זיינע יאָרן, כל זמן ער האָט געלעבט.

יעדן טאָג אויף צוואַנגס־אַרבעט. יעדן טאָג האָבן הונדערטער מאַרשירט צו דער אַרבעט. באַגלייט פון אוקריינישער אָדער יידישער מיליץ. אוי, פלעגן זיי אַכטונג געבן אַז אויפן וועג זאָל חלילה אַ ייד ניט אַריינלויפן צו אַ גוי, בעטן אַ שטיקל ברוט, עפּעס אויסטוישן. ווען מען שיקן צו דער אַרבעט — דאָס האָט שוין רעגולירט דער יודענראַט. אויך דאָ זענען אָנגעגאַנגען שוחד און פּראָטעקציע. לויפענישן און געהיימע אונ־טערהאַנדלונגען.

געאַרבעט האָט מען אומעטום. אויף דער אָליי־קער באַן־סטאַנציע, אַ מרחק פון 10 קילאָמעטער פון שטעטל, פלעגן טאָג־איין טאָג־אויס, ווינטער און זומער, אַרבעטן אַ 120 מענער און פרויען ביי אָנלאָדן קלעצער אויף די וואַגאָנעס. אַנדערע האָבן געטון די זעלבע אַרבעט אין צומען, ראָ־דאָטשקע. מ׳האָט אויך געשיקט אויף לאַנדווירט־שאַפטליכע אַרבעט. איך און צוויי זין פון פייגע צאַם האָבן געאַרבעט ביים גערטנער אין שלאָס. די אַרבעט איז געווען לאַנג און שווער. מ׳פלעג זיך צוריקקערן אין געטאָ מיד און פאַרזאָרגט, ניט וויסנדיק ווו מיר וועלן אַרבעטן מאָרגן.

★

פרייטיק. ס׳׳האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג אַז אויך דער יודענראַט איז פאַרזאָרגט. אויף מאָרגן, שבת, פעלן אַ סך אַרבעטער. מענטשן זענען קראַנק. אַנדערע האָבן ניט וואָס אָנצוטון. אַזעלכע שוועריקייטן זענען, וואָס אמת, געווען יעדן טאָג, אָבער דאָס מאָל איז ממש קריטיש.

מיט אַ מאָל האָט מען זיך אָנגעהויבן אויס־באַהאַלטן. ס׳איז געוואָרן אַ פּאַניק אין געטאָ. אַ טאַקסי מיטן זאָנדערפירער (דער דייטשישער פאַרוואַלטער פון שטעטל און ראַיאָן) מיט נאָך צוויי דייטשישע אָפיצירן און אָפיצירשע זענען ראַשיק פאַרפאָרן צום יודענראַט. יעדער האָט געזען אין דעם אַ שלעכטן סימן, אַ שלעכטע בשורה: אָדער מ׳וועט נעמען צו דער אַרבעט ערגעץ־ווייט אויפן פראָנט אָדער עפּעס נאָך ערגערס.

זיי האָבן געשפּילט די ראָלע פון העפליכקייט און גוטהאַרציקייט. גרייט ממש צו העלפן מיט וואָס זיי קאָנען. זיי האָבן געבעטן, מ׳זאָל זיי ווייזן די גרויסע שול. דאָרטן האָבן זיי געעפנט דעם ארון־קודש און געפרעגט אויף די ספר־תורה׳ס: וואָס איז דאָס אַזוינס? דער פאָרזיצער פון יודענראַט, פּאָיע באָראָדאַטע, אַן הויכער יונגערמאַן און דער קאָמענדאַנט פון דער יידי־שער מיליץ, ראָזנצווייג, הינדע באָט׳ס איידעם, האָבן זיי דערציילט וועגן די עשרת הדברות, מאָזעסעס צען געבאָט. „דאַן היט זיי ווירקליך אָפּ", האָט זיך אָפּגערופן די פרומע דייטשקע.

דערנאָך האָבן זיי צוזאַמען אַרומשפּאַצירט אין געטאָ, באַטראַכט די הייזער און געוועלבער. „וואַרום" פאַרריכט מען ניט דעם דאַך, וואַרום פאַרריכט מען ניט די וווינונג? — האָבן זיי גע־פרעגט דאָ און דאָרט. „ווי־זאָ" וועלן מענטשן דאָ קאָנען ווינטערן? און נאָך אַזעלכע צענדליי־קער באַרויִיקנדע פראַגן. דער יודענראַט האָט זיי דערלאַנגט אַ שיינע מתנה: גאָלדענע זייגערס, שיך, שטאָפן, און זיי אָפּגעגעבן גרויס כבוד ביי זייער צוריקפאָרן.

★

די געטאָ האָט אַ ווײַלע ווי לייכטער אָפּגעאָ־טעמט. מענטשן זענען אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן און מ׳איז זיך צונויפגעקומען דאָ און דאָרט זיך אַדורכשמועסן: „איז וואָס, אפשר וועט מען דאָך איבערלעבן, איבערקומען". „אַז זיי הייסן פאַרריכטן די וווינונגען, די דעכער, איז דאָך אַ גוטער סימן". „אוודאי, זיי דאַרפן האָבן אַרבעטס־הענט, אָליק איז אַן אַרבעטער־שטעטל!".

און אַזוי, אַ ביסל באַרויִיקט האָט זיך דאָס שטעטל אין יענעם אָוונט געלייגט שלאָפן הונ־געריקע, אָבער מיט אַ ביסל אַ לייכטערן געמיט. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ כיט־רער טריק פון רוצחים, אַז דער אומגליק איז דווקא אַזוי נאָענט!

לאַנגע שעהן בין איך געליגן און געשמועסט מיט מיינע עלטערן. מיין טאָטע האָט זיך זייער גוט אָריענטירט אין פּאָליטיק. זיינע אַרגומענטן זענען געווען לאָגיש־אויסגעהאַלטן. ער האָט גע־זאָגט: היטלער, ימח־שמו, מוז דעם קריג פאַר־שפּילן. ער קאָן בשום אופן ניט באַזיגן די פרייע מענטשהייט. דאָס לערנט אונדז די געשיכטע. און נאָך דער מלחמה וועט זיכער אויפשטיין אין ארץ־ישראל אַ יידישע מדינה, נאָך מדינות וועלן ווערן זעלבסטשטענדיק. דאָס איז תמיד דער רעזולטאַט פון אַ טאָטאַלן קריג. יידן וועלן זיין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. דער עיקר איז איבערלעבן... ער האָט זיך באַמיט מיר צוגעבן אַ חשק לעבן בלייבן. מיר זענען איינגעשלאָפן מיט אַ לייכטערן געמיט.

אויפגעוועקט האָט אונדז דער גערויש אויף דער גאַס. האַסטיקע טריט און דאָס הירזשען־געלעכטער פון דער אוקריינישער מיליץ. כ׳האָב שטיל אויפגעעפנט די פראָנט־טיר — אונדזער הויז איז געווען די גרעניץ פון געטאָ — און אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס: ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן; די גאַנצע געטאָ איז אַרומגערינגלט. כ׳בין אַ רגע שטיין געבליבן, ניט וויסנדיק וואָס צו טון: וועקן, שרייען, אַלאַר־

מירן — אָדער ניט? לויפן פון הויז צו הויז, אָדער אפשר אויפוועקן מיינע עלטערן און שטילעראייד זיך באַמיען זיך אַרויסגנבענען ערגעץ ווו דורך אַ לאָך. איצט איז נאָך אפשר צייט. אָבער ניין. ווי קאָן איך זיך ראַטעווען, זיך אַליין. אַלע אַנדערע איבערלאָזן אויף הפקר. מ'מוז שטיין אויף דער וואַך. כ'האָב אָנגעהויבן אַרומלויפן אַרום דער געטאָ קלאַפּנדיק און אויפוועקנדיק, און זוכנדיק ביני לביני אַן אָרט ווו מ'קאָן אַנטלויפן. אַ נעכטיקער טאָג! די גאַנצע געטאָ איז געווען געדיכט אַרומגערינגלט פון אוקריינער. זיי זענען געשטאַנען היינג איינער נעבן צווייטן. זיי האָבן געלאַכט און זיך געוויצלט. זיי האָבן זיך ווייניק געקימערט וועגן גורל פון די יידן, וואָס זיי האָבן געהיט. און דער גורל איז געווען געחתמעט.

דער טומל אין געטאָ איז דערווייל אַלץ געוואַקסן. ניט געקוקט אויף דער פריער שעה, איז שוין אַלץ געווען אויף די פיס. די גאַס איז מיט אַ מאָל געוואָרן פול. „וואָס קומט דאָ פאָר?" האָבן אַלע געפרעגט אַלעמען. קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז דער סוף. מענטשן האָבן אַלץ געפרוווט אויסטייטשן אַנדערש. זיך אַליין אָפּנאַרן. עמיצער האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיי גייען מאַכן אַ רעוויזיע אין געטאָ. זיי וועלן צונעמען די בעסערע זאַכן און צוריקטרעטן. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן מאָביליזירן די יוגנט און זיי שיקן אויף אַרבעט צום פראָנט. איז טאַקע בעסער אַז די יוגנט זאָל זיך באַהאַלטן. ס'האָבן זיך, ווי געוויינלעך, באַלד געשאַפן פעסימיסטן און אָפּטימיסטן. די פעסימיסטן: „וואָס מאַכט איר זיך נאַריש, איר האָט ניט געהערט, וואָס זיי האָבן געטון מיט דובנע, ראָוונע, קליעוואַן און אַנדערע שטעט און שטעטלעך?". „ס'וועט גאָרניט־ניט געשען", האָבן געטענהט אָפּטימיסטן. „אָליק איז אַ שטעטל פון לויטער אַרבעטער. אַלע אַרבעטן. ווער וועט צענויפנעמען די תבואות אויף די פעלדער? ס'דאַך פאַר שניט! פאָלקע, דער קאָמענדאַנט פון דער אוקריינישער מיליץ האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז פאַר שניט וועט גאָרניט־ניט געשען. נו, און צו וואָס האָט די קאָמיסיע נעכטן געהייסן פאַרריכטן די דעכער?". עלטערע און פרומע האָבן געשעפּטשעט: „נאָר אַ נס מן השמים. אַיין גאָט קאָן אונדז העלפן". פרויען האָבן געבראָכן די הענט. געהאַלטן אויף די הענט קליינע קינדער און זיי געטוליעט צו זיך.

פונקט 7 אַ זייגער אין דער פרי איז אַריינגעקומען אין געטאָ דער דייטשישער זאָנדערפירער אין באַגלייטונג פון 2 עס־עס לייט און אָנגעזאָגט דעם יודענראַט „אָליקא איזט יודענריין!". ווען מ'האָט אים געבעטן דערקלערן די באַדייטונג פון די ווערטער, האָט דער זאָנדערפירער זיך ברייט צעשמייכלט: וואָס פאַרשטייט איר ניט, ביז 8 אַ זייגער, אַלזאָ אין איין שעה אַרום, טאָר זיך קיין איין יודע ניט געפונען אין געטאָ. יעדער יודע, וואָס וועט געפונען ווערן אין געטאָ נאָך „8 אור" וועט דערשאָסן ווערן. יעדער איינער זאָל מיט זיך מיטנעמען די בעסטע און ווערטפולסטע זאַכן וואָס ער פאַרמאָגט — נאָר ניט צו פיל, און אויף 3 טעג עסן. איר ווערט איבערגעזידלט קיין טראַכימבראָד (אַ שטעטל 25 ק"מ פון אָליק, ווו יידן האָבן זיך פאַרנומען כמעט נאָר מיט לאַנדווירטשאַפט). און ווייל די אויטאָס, מיט וועלכע איר דאַרפט טראַנספּאָרטירט ווערן, זענען נאָך ניט אָנגעקומען, וועט איר אַלע זיין אין שלאָס, ווייל אין שטאָט טאָרט איר מער ניט זיין. דאָס איז אַ באַפעל פון פירער".

די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. איינער האָט געפרעגט דעם צווייטן וואָס מיטנעמען. יעדן איז געווען שווער זיך צו שיידן מיט זיין לעצטן ביסל האָב. געגנוי 8 אַ זייגער האָבן זיך אַריינגעריסן די אוקריינער אין געטאָ און אָנגעהויבן שלאָגן און שיסן און אַרויסטרייבן די מענטשן פון געטאָ. אַלץ האָט זיך געצויגן אין דער ריכטונג צום שלאָס. דער טויער פון שלאָס, וואָס איז שטענדיק געווען געשלאָסן, איז דאָס מאָל געווען אָפן. דער וועג איז פון ביידע זייטן געווען אַרומגעשטעלט מיט אַ געדיכטן קאָרדאָן מיליץ. זיי האָבן געשלאָגן מיט די ביקסן און נאַגייקעס און געטריבן די מענטשן וואָס שנעלער. ווען אַן עלטערע פרוי אָדער אַ שוואַכערער מאַן זענען אומגעפאַלן האָבן די אוקריינישע רוצחים זיי גלייך דערשאָסן.

★

10 אַ זייגער אין דער פרי איז שוין דאָס שטעטל געווען ריין פון יידן, אַ חוץ די, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס און אויף די בוידעמער. צווישן זיי זענען געווען די פאַמיליע צאָם, נאַקאָניעטשניק און ישראל גרינשטיין. די דייטשן און אוקריינער האָבן אָנגעהויבן רויבן דאָס שטעטל און אַרויסגעפירט פולע פורן. מיר אַלע זענען געשטאַנען אין שלאָס אַרומגערינגלט פון דער אוקריינישער מיליץ און — מיט די דיקע, אַלטע ווענט פון ראַדזיווילס שלאָס. דער דייטשישער געביטסקאָמיסאַר האָט מיט אַ מיליטערישער צערעמאָניע אָפּגענומען דעם ראַפּאָרט פון זאָנדערפירער. דאָס איז געווען אַן הויכער, שלאַנקער דייטש. ער האָט געטראָגן ווייסע הענטשקעס און אַ שטעקעלע אין האַנט. „אַלע פאַכלייט זאָלן אַריבערגיין אויף דער רעכטער זייט!" האָט ער געגעבן אַ באַפעל. די גרעסטע טייל איז אַריבער אויף רעכטס. אויך איך בין אַריבערגעגאַנגען.

האָב איך דאָך געהאַט אַן אַרבעטסשיין אַלס גערטנער. געאַרבעט ביים גערטנער אין שלאָס. אַ סך האָבן געאַרבעט ביי זייערע פּאַכן. די מערהייט האָט געהאַט אַזעלכע אַרבעטסשיינען פאַר געלט (פאַר 50 ביז 100 רובל גאָלד פלעג דער יודענראַט אַרויסבאַקומען אַזאַ אַרבעטסשיין ביים געביטסקאָמיסאַר). דער געביטסקאָמיסאַר, זעענדיק אַז ער האָט צו פיל ספּעציאַליסטן, האָט געהייסן אַלעמען צוריקגיין אויף זייערע ערטער. ער האָט באַפוילן אויף דאָס ניי: „מענער באַזונדער — פרויען און קינדער באַזונדער!". דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער מאָמענט. ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. מ'האָט זיך געהאַלדזט און געקושט. מ'האָט געוויינט. מ'האָט געחלשט. מ'האָט זיך ניט געוואָלט צעטיילן. די אוקריינישע מיליץ האָט אָנגעהויבן פונאַנדערטיילן צווישן די משפחות, זיי האָבן מערדערליך געשלאָגן. איך בין אַזוי געשטאַנען מיט מיין משפחה און זיך ניט געאיילט צעשיידן. פּלוצים האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין פּלייצע: כ'געב אַ קוק: 2 אוקריינער מיט איבערגעדרייטע ביקסן שטייען און שלאָגן מיך. „וואָס שלאָגט איר אים אַזוי?" — האָט געפרעגט מיין מאַמע, „ער גייט דאָך!". „שווייג, פאַרשייווע זשידוווקע, דו וועסט באַלד אויך קריגן!", האָבן זיי זיך צעשריגן.

ניט ווייט פון מיר זענען געשטאַנען גרשון געלבערג, פון מלינאָוו, מיט זיין פרוי און קינדער. ער איז געווען אַ באַלעבאַטישער ייד. 50% פון דער טאָרטשינער מיל האָט געהערט צו אים. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון יודענראַט. ער איז געווען נאָך אַ שווערער קראַנקהייט. געהאַלטן אַ שווערן זאַק מיט עסן און קליידער אויף זיינע פּלייצעס. אַן אוקריינישער מיליציאַנט איז צו אים פּלוצים צוגעלאָפן, ווי אַ ווילדע חיה, און אים אָנגעהויבן שלאָגן מיטן האָלץ פון ביקס. ער האָט אים געשלאָגן איבערן קאָפּ, פּלייצע און ברוסט ביז ער איז געפאַלן זיך פאַרגיסנדיק מיט בלוט. ביז אַלע זענען געווען צעשיידט, האָבן זיך אָפּגעשפּילט נאָך אַזעלכע און ענליכע סצענעס.

דער ווייטערער באַפייל איז געווען אַלע זאָלן איבערלאָזן אויפן פּלאַץ זייערע געפּעק. מיר האָבן דאָס גלייך געטאָן, זיך ניט קעגנשטעלנדיק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז פאַרשפּילט. אַז ס'ניטאָ קיין וועג אויף צוריק. אויפן באַפייל פון קאָמיסאַר האָט מען אַלע פרויען און קינדער אַריינגעטריבן אין די גרויסע גאַראַזשן פון שלאָס. די פענצטער זענען געווען געשלאָסן. די היץ האָט געשטיקט און ס'ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. אַ סך פרויען האָבן געחלשט. עטליכע זענען געפאַלן אין געדראַנג אַריינצוגיין. די אוקריינער האָבן אויף זיי געטראָטן ברוטאַל און מערדעריש. דערנאָך האָבן זיי צענויפגעקליבן די טויטע פרויען און קינדער און זיי אָנגעלאָדן, מיט האַלב־לעבעדיקע אויף גרויסע וואָגנס און געפאָרן אויפן בית־עולם. די מענער האָבן זיי אַריינגעטריבן אין די האָלצערנע באַראַקן, וואָס זענען געווען אויסערן שלאָס. די באַראַקן האָבן אויפגעשטעלט די רוסן ווען זיי האָבן אָקופּירט מערב וואָלין. די באַראַקן האָבן זיי גענוצט עס־זאָלן פאַרן מיליטער וואָס איז געשטאַנען אין שלאָס. קיין פענצטער זענען שוין דאָרטן ניט געווען. דאָס האָבן שוין גויים פון לאַנג אָוועקגעשלעפּט. די לעכער זענען געווען שיטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. אַזוי, אַז ס'איז אַריין אַ ביסל לופט. ס'זענען דאָרט אויך געווען הויפנס ציגל פון די איינגעמויערטע קעסלען, וווּ זיי פלעגן קאָכן דאָס עסן. די אוקריינער האָבן אויך דאָס ניט פאַרקוקט. זיי האָבן אַרויסגעריסן די קעסלען און געבליבן זענען נאָר די ציגל.

כ״האָב אָנגעהויבן זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך ראַטעווען. דאָס איז געווען כמעט אונמעגליך, די אוקריינער האָבן גוט אַכטונג געגעבן, ווי אויסדרעסירטע הינט. דאָך האָב איך מיט מיין טאַטן געמאַכט פּלענער ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען.

נעבן אונדז איז געזעסן אויף אַ פּאָדוואָלע (גרונט־קלאָץ) ניס'ל קאָלטון. „וואָס איז דער חילוק פריער אָדער שפּעטער", האָט ער געזאָגט. „נאַ, דאָ האָסטו גאָלדענע זייגערס", האָט ער אונדז געוויזן אונטער דער פּאָדוואָלע. אָבער וועמען איז'ס געקראָכן אין קאָפּ אַריין? די היץ איז געווען גרויס. די אַרבעטער פון שלאָס האָבן געבראַכט וואַסער פאַר די האַלבפאַרחלשטע. זיי האָבן געבראַכט פעסער מיט וואַסער געשלעפּט פון אַ פערד. געפירט האָט דאָס פערד אַ שייגעץ. ס״ניט געווען אין וואָס צו טרינקען. מ'האָט געכאַפּט אַ ביסל וואַסער אין די הענט, אין היטלען, זיך אַ ביסל צו דערקוויקן. דער שייגעץ האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד און געגאַנגען עפּעס זוכן. איך בין צוגעשפּרונגען און אָנגעהויבן פירן דאָס פערד, ווער ווייסט, אפשר וועל איך זיך אַזוי־אַרום אַרויסקריגן פון גיהנם. אַן אוקריינישער מיליציאַנט האָט מיך גלייך צוריקגעקערט מיט אַ דרייגאָרנדיקער גויישער קללה.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. מענטשן האָבן זיך צוגעשפּאַרט ווי נאָר מ'האָט געקאָנט. איך, מיין טאַטע און מיין פעטער פאַליק האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בערגל ציגל, פון די אַרויסגעריסענע קעסלען. מיר האָבן לאַנגזאַם אַוועקגענומען די ציגל און ס'האָט זיך באַוויזן די לאָך וווּ מ'האָט געהייצט די קעסלען. מיר האָבן זיך אַלע דריי פאַרשטאַנען אויפן ווונק. כ'האָב זיך

אָנגעהויבן אַרויסרוקן דורך דער לאָך. ס׳איז געווען אַ שווערע מלאכה, אָבער כ׳האָב עס געמאַכט פלינק און פיין, אַקראָבאַטיש. נאָך קריכנדיק שלאַנק און אויסגעצויגן, ווי אַ שלאַנג, האָב איך זיך שוין געפינען אויסערן רינג פון דער אוקריינישער מיליץ. אין די שאָטנס פון דיביימער און קריכנדיק אין הויכן גראָז ביז איך אַרויס פון שטעטל. כ׳האָב זיך אָפגערעדט מיטן טאַטן או פעטער, אַז אויב זיי וועלן ניט הערן קיין שיסעריי אין משך פון אַן האַלבער שעה בערך, זאָלן זיי טון דאָס זעלבע. מיר האָבן זיך געזאָלט טרעפן אין אַ באַשטימטן פעלד צווישן די זאַנגען, אויסערן שטעטל. כ׳האָב דאָרט געוואַרט די גאַנצע נאַכט און קיינער איז ניט געקומען. כ׳האָב באַשלאָסן גיין אַליין קיין כאַרלופּ, אַ דאָרף ווו מיר האָבן אַ צייט געווינט, געהאַנדלט און געאַרבעט און געהאַט אַ סך באַקאַנטע און פריינד צווישן די פויערים.

★

דאָס דאָרף איז געווען ליידיק. מער ווי געווינליך. מ׳האָט ניט געזען קיין מענטשן אין דרויסן. די טירן ווי פאַרהאַקט. כ׳׳האָב אָנגעקלאַפּט ביי איין באַקאַנטן, ביי אַ צווייטן. ס׳האָט מיך באַשלאָגן אַ שוויס. ווו פריינט, ווו באַקאַנטע, אַז זיי דערקענען מיך גאָרניט און ווייסן ניט ווער איך בין. אַ גויה האָט אויף מיך רחמנות געהאַט, מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט און מיר איינגערוימט אַ סוד כ׳זאָל מער ניט קומען. פון מיין טובה־וועגן. גייענדיק אַזוי ווייטער האָב איך קוים איינגעבעטן איינעם, אַז ווען ער וועט זיין אין שטעטל, זאָל ער ווי ס׳איז עמיצן איבערגעבן דאָרט, אַז איך בין פריי. כ׳האָב זיך אויסבאַהאַלטן צווישן דער תבואה אין זיין פעלד. כ׳האָב געוואַרט. אפשר האָט זיך דאָך עמיצער געראַטעוועט. דער גוי איז סוף־סוף געקומען. ער האָט מיר געבראַכט די ביטערע בשורה, אַז מ׳האָט אַלעמען דערשאָסן. ער האָט גערעדט אַזוי, קאַלטבלוטיק, גלייך ווי ער וואָלט דערציילט וועגן דערשאָסענע הינט. ביז היינט ווייס איך ניט, צי ער האָט עס געטון בכיוון, צי ער איז גאָר געווען צופרידן. ס׳איז מיר געוואָרן הייס און קאַלט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויפן וועג קיין טשעמערין זענען דאָ די גרויסע גראָבנס, ווו די רוסן האָבן געלערנט זייערע סאָלדאַטן שיסן. די אוקריינישע מיליץ האָט אַהינצו געבראַכט גרופּעס פון 50 מענטשן. די יידישע מיליץ האָט זיי געמוזט אויסטון אדם־נאַקעט און זיי געצוווּנגען זיך לייגן מיטן פנים אַראָפּ און די אוקריינער האָבן זיי דערשאָסן. אַ סך האָבן נאָך געלעבט, ווען פויערן פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיי פאַרשאָטן מיט אַ ביסל ערד און די צווייטע שורה האָט שוין געוואַרט. גוים וואָס זענען געקומען בלויז צוקוקן זיך, זענען געצוווּנגען געוואָרן פאַרשיטן די קרבנות. צום סוף האָט די אוקריינישע מיליץ געהייסן די יידישע מיליץ זיך אויסטון. ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון, האָבן די אוקריינער זיי מערדערלעך צעשלאָגן און זיי אויסגעטון.

די יידישע מיליציאַנטן האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע. זיי וואָלטן אפשר געקאָנט עפּעס טון באַצייטנס ווען זיי וואָלטן זיך ניט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז זיי וועט דאָס ניט געשען, אַז זיי וועט ביישטיין זייער אייגענער זכות.

★

אַ סך הונדערטער יאָרן געשיכטע פון אַ יידיש שטעטל זענען אַזוי אַרום געקומען צו ענדע. אַ שטעטל האָרעפּאַשנע, ערליכע יידן, איז אַכזריות׳דיק אויסגעהרגעט געוואָרן, אַפילו ניט צעלויפנדיק זיך ווי מייז. ניט קלענער איז די זינד פון פעלקער און פירער, וואָס טענה׳ן „מיר האָבן ניט געוווּסט”. די גאַנצע וועלט האָט געוווּסט — און קיינער האָט ניט אויפגעהויבן קיין פינגער ראַטעווען אָדער אַפילו דראָען. נאָך דורות־לאַנג וועט אָט דער אות קין בלוטיקן אויפן שטערן פון דער מענטשהייט.

---

**העלען בורקא באַשטימט אַ טייל הכנסה פון אירע ביכער**
**פאַרן היכל ווהלין**

די שריפטשטעלערין העלען בורקא („אַ בעטלער ביי מון פלויט” אין דעם ילקוט) האָט באַשטימט אַ טייל הכנסה פון אַלע אירע ביכער־דערציילונגען אין יידיש און עברית לטובת דעם היכל ווהלין (איר בוך „גאָט לעבט ניט אין וואַלד” איז שוין דערשינען אין עטלעכע שפּראַכן און באַקומען לויב־קריטיק). די ביכער מיט הנחה פרייזן איז צו באַקומען ביי דער מחברין: ת. ד. 398 רמת־גן, טעל. 724275 אָדער אין היכל. בקרוב איר נייער ראָמאַן „שלא עשני אשה”.

העלען בורקא (רמת־גן)

# א בעטלער ביי מיין פלויט

(פראַגמענט)

פאַרטאָג. פּאווּעל איז ווי געוויינלעך אַפּגעריטן אויף זיין פערד אין וואַלד. מיקאָלאַי האָט זינט יענעם פאַל מיטן זאַק אַנגערויבטע זאַכן געפּראַוועט מיט מיר ברוגז און ניט פרעגנדיק קיינעם אַוועק פון שטוב. יורעק האָט זיך געקליבן ארויסטרייבן די גענדז אויף פּאַשע.

פלוצים האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן געביל פון אונדזער הונט ראַבטשיק און גלייכצייטיק דאָס געשריי פון יורעקן : „מאַמאַ, מאַמאַ, קום נאָר אַהער ! עפּעס אַ סטאַרעץ, אַן אַלטער בעטלער געקומען. דער הונט וועט אים באַלד צערייסן"...

כהאָב אַ בליק געטון דורכן פענצטער און דערזען אַן אַלטן מאַן אין פּויערישע קליידער, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. ער איז געשטאַנען אַנגעלענט אויפן שטעקן און זיך ניט גערירט פון אָרט. יורעק האָט געהאַלטן דעם הונט פאַרן פּאַסעק ביים האַלדז און געשלעפּט אים צו דער בודע אין הויף, כדי צוצובינדן אויף דער קייט. דער הונט האָט ניט אויפגעהערט זיך רייסן און בילן.

איך האָב אַ נעם געטון אַ שטיק ברויט מיט חזיר־שינקע, וואָס איז געבליבן נאָכן פרישטיק אויפן טיש און אַרויסגעלאָפן אינדרויסן. זינט איך געדענק זיך דאָ אין דער גאַיוווקע, האָט אַהער קיינמאָל ניט פאַרבלאָנדזשעט קיין בעטלער און דערזעענדיק אים, האָב איך דעריבער געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אפשר אַ פאַרשטעלטער פּאַרטיזאַן, אָדער אַ ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ. איך האָב דעריבער ניט געוואָלט, אַז יורעק זאָל אַנוועזנד זיין בעת מיין געשפרעך מיט אים. ווער דאָס זאָל ניט זיין מוז איך דאָך שפּילן די ראָל, ווי ער וואָלט טאַקע געווען אַ בעטלער.

— גיי יורעקל מיט די גענדז. — האָב איך געזאָגט צו יורעקן מיט געמישטע געפילן, איבערנעמענדיק דעם הונט — איך וועל אים שוין אַליין צובונדן.

יורעק האָט זיך גלייך אַוועקגעלאָזט נאָך די גענדז, וואָס זענען צעפּלאָשעטע פאַרשווונדן געוואָרן אין וואַלד צווישן די ביימער. דערווייל האָב איך צוגעבונדן ראַבטשיקן און אַליין זיך ווידער געלאָזט צום פּלויט. דער אַלטער איז ווי איינגעגראָבן אונטער זיך, נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט און ניט אָפּגענומען זיינע אויגן פון מיר.

— פונוואַנען זענט איר, זיידעניו ? — האָב איך געפרעגט צוקומענדיק צום פלויט — איר זענט מסתמא הונגעריק און מיד. איר וועט אפשר אריין אין שטוב און זיך אָפּרוען ?

ער האָט געשוויגן. זיין פנים איז געווען שטאַרק אַנגעצויגן. די באַקן איינגעפאַלן. דער קאָפּ מיד, אַבגעשטאַלץ. אויפגעהויבן. אַ קוים־מערקבאַרער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין געזיכט. גאָט, וועלכער באַקאַנטער שמייכל ! ערגעץ־ווו האָב איך שוין געזען עמיצן שמייכלען אַזוי. אַ זעלטענער שמייכל, וואָס דערמאָנט עמיצן. וועמען ? ווו ? ווער ? ווען איז עס געווען ?...

— ... טאַטע ! ? טאַטע ?

דאָס שטיק ברויט און חזיר־שינקע איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע ציטערדיקע הענט. צי שוין זשע ? טאַ־טע ? דו, דו־ו ?

מיין געשריי האָט געמוזט זיין אַזוי שטאַרק, אַז נאָכדעם ווי איך האָב מער ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל, האָב איך פלוצים דערהערט די טויטע שטילקייט און דעם עכאָ פון וואַלד, וואָס האָט מיר נאָכגעענטפערט : „טעטעט... עטט... נאַט !... נאַאַ ! — — —"

— טאָכטער מיינע ! דינהלע ! — האָב איך דערהערט מיין פאָטערס הייזעריקע שטים — טאָכ־טערל ! טאָכ...

מער האָב איך גאָרניט געהערט און ניט געזען. אַלץ האָט אַ שווינדל געטון פאַר מיינע אויגן, ווי איך וואָלט מיט גוואַלד אַרויפגעשטופּט געוואָרן אויף אַ רייטוואָגן אין אַ לונאַ־פּאַרק. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך געדרייט אין ווילדן קאַראַהאָד מיינע פאַרלוירענע קינדער־יאָרן אין עלטערנס היים.

און אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך דערזען ליגן אין די אָרעמס פון אַלטן בעטלער, מיין אייגענעם טאַטן. דאָס איז ניט געווען קיין וויזיע. מיין אמתער יידישער טאַטע אין קליידער פון אַן אַלטן פּויער, אַ בעטלער. מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס. יאָ, אַ טאָרבע אויף זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס.

ער האָט שטיל געשלוכצט. מענעריש. זיין ברוסט האָט זיך געטרייסלט פון שלוכצעריי. דאָס ערשטע מאָל זע איך מיין טאַטן וויינען. אַמאָל, ווען איך פלעג אים הערן זאָגן די פרימאָרגן־ברכות, פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז אין זיין שטים הערט זיך געוויין. געוויין אָן טרערן. איצט אָבער... איצט האָט ער געוויינט. געוויינט מיט אמתע טרערן. אויך איך. און נישט נאָר איך, נאָר... דער גאַנצער וואַלד. די

פייגל, אויף דיביימער־צווייגלעך. די בלעטער און גרעזעלעך. די שטיקער בלויע הימלען, וואָס זענען געפאַלן צווישן די ביימער־שפּיצן. אַלץ, אַלץ האָט מיטגעוויינט. הימלען, וואָס זענען געפאַלן צווישן די ביימער־שפּיצן. אַלץ, אַלץ האָט מיטגעוויינט.

ווען כ׳האָב זיך אביסל באַרויקט האָבן מיר ביידע זיך ערשט רעכט אָנגעקוקט. לאַנגע מינוטן אַזוי. אָן ווערטער. שווער געווען אַרויסצוברענגען אַ וואָרט. איך האָב געקוקט אויף אים און ניט געגלויבט. מיין טאַטע ?! איז עס ניט קיין חלום ? אַ מעשהלע, וואָס איך האָב אַרויסגעלייענט ערגעץ פון אַ ביכל ?

— ניי. דאָס איז ניט געווען געשריבן אין קיין שום בוך. דאָס לעבן אַליין האָט אָט די וויסטע געשעעניש אויספאַנטאַזירט... בייזוויליק צוגעטראַכט.

נאָכדעם ווי איך האָב אויפגעזאַמלט מיינע כוחות, האָב איך מיט אַ טרערנדיקן שמייכל אַ פרעג געטון:

— קיקסט מיך אָן, טאַטע, וואָס ? אָן אמתע גויה, הא ?...

ער האָט געשוויגן.

— וואָס מאַכט די מאַמע ? הערשעלע ? גיטעלע ?

— זיי לעבן...

— ווי אַזוי האָט זיך דיר איינגעגעבן אַרויס פון געטאָ, טאַטע ? פאַרוואָס זענען ניט געקומען צוזאַמען מיט דיר די מאַמע, הערשעלע און גיטעלע ? אפשר איז מעגלעך, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן, זיך אויך אַרויסגנבענען. הערשעלע און גיטעלע וואָלטן געקענט זיך אַנשליסן אין די פּאַרטיזאַנער, זיך אויסבאַהאַלטן ביי מיר, דאָ אין דער גאַיוווקע.

— לייכט צו זאָגן. הערשעלע איז געקומען פון דער ישיבה. זיצט און לערנט גאַנצע טעג. בעט גאָט פאַרגעבונג פאַר די זינד פון פאָלק ישראל. און גיטעלע... יאָ, גיטעלע האָט ניט חתונה געהאַט... אָבער איצט... איצט איז שוין אַלצאיינס...

— יאָ, אַלצאיינס, טאַטע... די וועלט ברענט... גאָט, ווי דו זעסט אויס !... איך האָב דיך קוים דערקענט... גאָט ! מיין טאַטע אַ בעטלער... אַ בעטלער... ! ?

איך האָב ניט געוווּסט  פון וואָס אָנצוהויבן און וואָס ווייטער צו רעדן. די יידישע שפּראַך האָט, נאָך העכער אַכצן יאָר, זיך קוים געלייגט אויף מיין צונג. מיר אויסגעקומען פרעמד. ניט היימיש. איך האָב דאָך געוואָלט פרעגן אַ סך און... גאָרניט.

— קום אַריין אין שטוב, טאַטע. — האָב איך געזאָגט מיט הארץ — אויב אַפילו עמיץ וואָלט איצט אָנגעקומען, וואָלט אין די דאָזיקע קליידער דיך קיינער נישט דערקענט. ווען... ווען דו וואָלסט נאָך דערצו אָנגעטון אַ צלמ׳ל אויפן האַלדז, וואָלסטו געקאָנט אַזוי לייכט איבערקומען די מלחמה... איך וועל אויך דיר אויסלערנען אַ מאָדליטווע אַזאַ... איך...

ער האָט אויפגעהויבן אויף מיר זיינע גרויע אויגן און זיי גלייך אַראָפּגעלאָזט צוריק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיינע ווערטער זענען ניט בינדיק, אָבער איך האָב געגלויבט אין זיי אויפריכטיק. ער, די מאַמע, הערשעלע און גיטעלע וואָלטן געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן ביי מיר און אַלס „קריסטן” איבערלעבן דעם קריג.

איך האָב געוואָרט אויפן ענטפער פון מיין טאַטן. אויף זיין הסכמה. און בינו לבינו ניט אויפגעהערט אים באַטראַכטן. יאָ דערזעלבער טאַטע. ניט מער, וואָס זיינע מאַזאַלירטע הענט זענען זויבערדיק געוואָרן. נאָך קיינמאָל האָט דער טאַטע אַזעלכע זויבערדיקע הענט ניט געהאַט...

— ניין טאָכטער ! — האָט ער זיך אָפּגערופן נאָך אַ ווײַלע פון שטום־שווייגן — איך וועל צו דיר אין שטוב ניט אַריין, ניט וועגן דעם בין איך איצט געקומען צו דיר. ניין, ניט וועגן דיין הילף פאַר אונדז...

— וואָס דען, טאַטע ? וואָס דען ?

— איצט... איצט איז די צייט, אַז מיר זאָלן זיך איבערבעטן, טאָכטערל. איצט, אָדער קיינמאָל ניט !... גאָטס צאָרן האָט ייך אויסגעגאָסן אויף אונדז... מיר מוזן אָפּקומען אונדזער שטראָף...

— וועגן וועלכער שטראָף רעדסטו, טאַטע ?

— וואָס מיר קומען איצט אָפּ... פאַר אונדזערע זינד...

— זענען אַלע יידן זינדיק, טאַטע ? איך פאַרשטיי דאָך וואָס דו מיינסט, טאַטע... לאָמיר זאָגן, אַז איך בין שולדיק אין דיינע און אין מאַמעסליידן הלמאי איך בין אַוועק פון אייך, פון יידישן שטאַם, אָבער אַלע יידן... אויך די אומשולדיקע, וועמעס קינדער זענען ניט אַריבער צו קיין אנדער גלויבן ?... די רביים ? — די ישיבה־בחורים ?... די פאַרזעסענע מיידלעך ? די אָרעמעלייט ?...

ער האָט ווידער געשוויגן. זיין שווייגן האָט מיך געפּייניקט. די וואַלד־שטילקייט האָט געפּרעסט אויף מיין געמיט זאָל ער מיך איצט אויסזידלען ! שרייען אויף מיר ! אפילו שלאָגן !... ווי לעכערליך — שלאָגן !... וואָס וואָלט איך איצט ניט מוחל געווען ! ?...

— ניין, טאָכטער — האָט ער געזאָגט שטיל ניט אויפהויבנדיק מער זיינע אויגן צו מיר — איך בין ניט געקומען כדי מאַכן מיט דיר חשבונות, טאָכטערל... איך וויל דיר נאָר עפּעס זאָגן...

— זאָג, טאַטע, זאָג וואָס דו ווילסט. זידל מיך, טאַטע, זידל מיך אויס !...

— ניין, טאַטעלע, איך בין ניט מער ברוגז אויף דיר — האָט ער גערעדט שטיל, ווי פאַר זיך — ניט קיין צייט פאַר ברוגזן. ניט קיין צייט. איך האָב לאַנג געטראַכט ביז איך האָב באַשלאָסן איינצושטעלן מיין לעצטע האָפענונג און קומען צו דיר. דערצו אין אַזאַ הילוך. זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר די גע־גנבעטע קליידער פון אַ פויערישן פלויט נאָכדעם ווי איך האָב ביינאַכט זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ. דאָס איז מיין ערשטע גניבה אין לעבן און אפשר די לעצטע. אָבער... אָבער איך וואָלט געוואָלט... יאָ... איך וואָלט געוואָלט, אַז דו... אַז דו זאָלסט תשובה טון, טאַטעלע. צייט צו טון תשובה... עס איז באחרית הימים...

— תשובה ? וואָס מיינסטו דערמיט טאַטע ?

— איך... איך וואָלט געוואָלט... — זיין קול האָט אַ ציטער געטון נאָך מער — אַז... אַז דו זאָלסט זיך צוריקקערן צו דיין שטאַם, צו דיין פאָלק. גענוג געזינדיקט... גענוג !...

— מיינסט, טאַטע אַז איך זאָל אַריין צו אייך אין געטאָ ?

— יאָ, טאַכטער ! אפילו !... צוזאַמען מיט אַלע יידן !... די לעצטע תשובה, טאָכטערל... די לעצטע....

— מיינסט עס ערנסט, טאַטע ? זאָל איך, הייסט עס, איצט פאַרלאָזן מיין היים, די קינדער, די מעגלעכ־קייט אייך ראַטעווען און...

איך האָב ניט געקענט מער רעדן. איך בין געווען דערשטוינט. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז געקומען זוכן הילף. אָבער אַז ער זאָל מיך צורעדן זיך לאָזן אַריינגנבענען אין געטאָ אין אַזאַ צייט גראָד — אָ, דאָס האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט באַגרייפן. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט :

— טאַטע, אפשר איז גראָד אַזוי באַשערט געווען, אַז איך זאָל ווערן אַ קריסטין, כדי אייך קענען איצט אין אַ נויט העלפן. צי גיסטו זיך אָפּ אַ רעכנונג, טאַטע, וואָס דו לייגסט מיר פאַר ? וועט אייך זיין גרינגער צו ברענגען נאָך אַ קרבן אָנשטאָט צו ראַטעווען זיך ?

— ניין, טאָכטערל, ניין ! מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט פאַרשטיין אויב דו... אויב דו רעדסט אַזוי. — האָט ער אַ זאָג געטון אומגעדולדיק און זיך געלאָזט גיין צוריק אין דער וואַלד־טיפעניש. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. — טאַטע, וואַרט ! וו גייסטו ? האָסט דאָך אפילו ניט געגעסן ! וואָס איז מיט דיר ?... ער האָט ניט געענטפערט, נאָר ווייטער געשפאַנט מיטן שטעקן אין האַנט, ווי אַ משולח, וואָס איך האָב אַמאָל געזען אויף אַן אילוסטראַציע. ווי דער „אייביקער יידישער וואַנדערער" פון דער קריסט־לעכער לעגענדע, אַ פאַרשאָלטענער נע־ונד ייד...

איך האָב זיך מער ניט געקאָנט באַהערשן און, צופאַלנדיק צו אַ בוים, זיך צעשלוכצט הויך, אויף אַ קול. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ווילע. איז צו צו מיר און געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקער. ווען מיין שלוכץ־געוויין האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט, האָט ער שטיל געזאָגט :

— פאַרשטייסט, דינה, איך בין געקומען צו דיר, ווייל איך וויל שטאַרבן מיט אַ רוייקן געוויסן. איך האָב זיך מסתמא פאַרזינדיקט מיט עפעס און וויל, אַז גאָט זאָל מיר מוחל זיין, וואָס ער האָט מיך אַזוי באַשטראָפט...

— וועלכער גאָט ? וועלכער גאָט ! — האָב איך זיך כמעט צעשריגן אויסוויישנדיק מיינע פאַרוויינטע אויגן — ווו איז ער ווו ? זע, וואָס ער טוט אָט דער גאָט דיינער !... זע ! ! !...

— און וואָס טוט דיין גאָט, טאָכטערל, וואָס ? עך, טאָכטערל !...

— איך גלויב ניט אין קיין געטער, טאַטע ! איך גלויב ניט ! פאַרשטייסט ? זיי, די געטער זענען אויס־געטראַכט געוואָרן דורכן מענטש לויט זיין פאַרלאַנג. דיין גאָט אין וועלכן דו גלויבסט, צו וועלכן דו ווילסט תשובה טון פאַר ניט באַגאַנגענע, אָדער אויסגעטראַכטע זינד, איז אומבאַהאָלפן ! אומבאַהאָלפן ! — האָב איך געשריגן וויסנדיק, אַז איך דאַרף ניט רעדן אָט די רייד אין די דאָזיקע מינוטן — די אַנדערע געטער איז באַקוועם צו ברענגען די „ישועה" דורכן שווערד און בלוט. אויב איך האָב אָנגענומען פאַ־וועלט גלויבן, איז ווייל אַזוי איז געווען באַקוועמער. אויך איצט ווילסטו עס ניט פאַרשטיין. אויך איצט!... איצט !...

מיין טאַטע האָט מיך שוין לאַנג ניט געהערט. ער האָט ווידער געשפאַנט צווישן די ביימער און איך בין אים ווידער נאָכגעלאָפן.

— טאַטע, באַדענק זיך ! באַדענק זיך ! איך קען אייך ראַטעווען איצט ! טאַטע ! ! ! — — —

— און בין ניט קיין מיוחס ביים רבונו של עולם, קיין בן יחיד... וואָס עס וועט זיין מיט כלל ישראל דאָס וועט זיין מיט מיר ! מיט אונדז אַלעמען !...

מיין טאַטע האָט צוגעאיילט זיינע טריט און זיך מער ניט אומגעקוקט. לאַנגע מינוטן בין איך גע־שטאַנען אין איינגעגראָבענע אונטער זיך. אַלץ האָט געשווינדלט פאַר מיינע אויגן. אין קאָפּ האָט געררוישט. זיין הויך־איינגעבויגענע פיגור איז שוין לאַנג פאַרשווונדן געוואָרן צווישן די ביימער. די לעגענדע האָט זיך פאַרענדיקט. אפשר אויף אייביק.

עמנואל פאלאק (ניו־יאָרק)

**וואָלינער כראָניקאַר און מקובל**

# נתן נטע האנאווער ( תמ״ג / 1683 )

ווי אויסטערליש און מאַקאַבריש איז געווען די תקופה פון דער קאָזאַקישער רעוואָלוציע און אוקריינע אין 1648, ווען באָגדאַן כמעלניצקי האָט געבושעוועט אין לאַנד — זייער ווייניק אויטענטישע דאָקומענטן, כראָניקס און באַשרייבונגען געפינען מיר איצט וועגן יענער עפּאָכע.

דערפאַר איז דער ספר „יון מצולה" (קאָזאַקן־זומפּ), וואָס אַ וואָלינער ייד, נתן־נטע בן משה האַנאָווער, האָט אָנגעשריבן אין יענער צייט, אַזוי וויכטיק פאַר דער אַלגעמיינער און יידישער געשיכטע בפרט.

„די היסטאָרישע כראָניק האָט זיך שוין לאַנג קונה געווען אַ חשובן פּלאַץ אין דער יידישער און אויך אין דער ניט־יידישער היסטאָריאָגראַפיע", שרייבט דער יידישער היסטאָריקער ד״ר יעקב שאַצקי אין זיין אָפּהאַנדלונג. „אין דער יידישער ליטעראַטור וועגן דער כמעלניטשינע פאַרנעמט די דאָזיקע כראָניק, בלי ספק, דער אויבנאָן... האַנאָווער באַמיט זיך געבן אַ פּראַגראַמאַטיש בילד פון די דאָזיקע זייער קאָמפּליצירטע און אַזוי טראַגישע געשעענישן". ס'איז כדאי צו זען, ווי דער ספר „יון מצולה" ווערט פאָרגעשטעלט פאַר די לעזער. מיר לייענען אין דעם שער־בלאַט:

„דער ספר „יון מצולה" דערציילט מיט פּרטים וועגן די גזירות און געשעענישן, וואָס זענען זיך פאַרלאָפן ביי אונדזערע ברידער בני ישראל פון מדינות רייסן, ליטע און פּוילן אין די יאָרן ת״ח ות״ט, פון וואָסערער סביבה זיי האָבן זיך גענומען, ווי אַזוי די יוונים האָבן ווידערשפּעניקט קעגן מלכות און האָבן זיך באַהעפט מיט די טאַטערן, די קינדער פון אַלדאָס בייז. אויך ווערן דאָ באַשריבן די מנהגים אין די פּוילישע קהילות, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף די זעקס זיילן פון דער וועלט. דער מחבר פון דעם ספר איז דער געהויבענער ייד, חכם און איידעלער האַר, מורנו הרב ר' נתן־נטע בן הקדוש מורנו, הרב ר' משה האַנאָווער זצ״ל, וואָס וווינט אין דער הייליקער קהילה זאַסלאַוו פון דער מדינה רייסן. צום ערשטן מאָל געדרוקט אין ווענעציע אין יאָר ת״ג לפ״ק (1653)".

★

נתן־נטע האַנאָווער האָט דורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן. אָבער זייער ווייניק דערוויסן מיר זיך וועגן אים פּערזענלעך. מיר ווייסן אַפילו ניט גענוי די דאַטע פון זיין געבורט, אַ חוץ וואָס ער איז געבוירן אין אוסטראָה, וואָלין. מ'איז משער, אַז ער איז געבוירן אין אָנהויב צוואַנציקער פון 17טן יאָרהונדערט. אַפילו אין זיינע ווערק איז כמעט ניטאָ קיין רמז וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן. אויך ווייסן מיר ניט וועגן זיין קינדהייט און יוגנט־יאָרן. אין זיין שיינער שטאָט אוסטראָה, האָט ער מסתמא געקראָגן די געוויינלעכע יידישע דערציִונג פון יענער צייט, אין אַ סביבה וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט שטאַרקע רוחניותדיקע אינטערעסן. אוסטראָה איז דעמלט געווען די הויפּטשטאָט פון דער וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג. געווען אַ רייכע האַנדלסשטאָט אין יענער צייט און גע'שמ'ט פאַר אַ מקום־תורה, ווו ס'האָבן געוווינט פיל אָנגעזעענע תלמודיסטן און לומדים, ווי די רבנים און גלייכצייטיק אויך די אָרטיקע ראשי־ישיבה: שלמה לוריא (מהרש״ל), שמואל אידלש (מהרש״א), דער מחבר פונעם פּירוש צום שולחן ערוך — „טורי זהב" דוד הלוי סג״ל, וואָס איז מער באַוווּסט אונטערן נאָמען ט״ז.

אַזוי דערציילט מענדל ביבער אין זיין ווערק „מזכרת לגדולי אוסטראה": אַלס קינד האָט נתן־נטע געוויס געלערנט תורה ביי זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ ייד אַ תלמוד־חכם און ס'איז מעגליך, אַז ער האָט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין אוסטראָה. ער האָט אויך געוויס געלערנט אין דער אָרטיקער ישיבה, מעגליך ביים מהרש״א אליין. דער מהרש״א איז געווען ראש ישיבה פון אוסטראָה ביז זיין פּטירה אין יאָר 1632. נתן־נטע האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט קבלה, וואָס האָט זיך אין יענער צייט שטאַרק פאַרשפּרייט אין אוקריינע.

★

דער 6־־טער יאָרהונדערט ווערט פאַררעכנט פאַר אַ „גאָלדענער צייט" ביי די יידן אין פּוילן. ס'האָט זיך זיי דעמלט געלעבט בערך רויִק און זייער מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אין אַלגעמיין ניט קיין שלעכטע. פון עקאָנאָמישע גזירות האָבן זיי ווייניק געליטן. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט פריי אַרומצופאָרן און צו האַנדלען און האָבן ניט געפילט קיין באַזונדערע שנאה מצד דער אַרומיקער סביבה.

נאָך בעסער איז געווען די יידישע לאַגע אין אוקריינע, וועלכע האָט זיך נאָך דער לובלינער יוניע (1569) פאַראייניקט מיט פּוילן. די קאָלאָניזירונג פון אוקריינע איז ביז דעמלט געווען זייער פּאַמעליך. אָבער צו יענער צייט האָט זי

זיך שטאַרק אַ רוק געטון פאַרויס. פּריצים, מאַגנאַטן, קליינע שליאַכטיטשעס — אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון קיין אוקריינע און האָבן פאַרנומען דאָס אומבאַזעצטע לאַנד. אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען דאָרט אויסגעוואַקסן גרויסע און קליינע מאַיאָנטקעס, שטעט און שטעטלעך. גלייך נאָך די פּריצים זענען אַהין געקומען אויך יידן, און דאָס האָט געבראַכט פיל נוצן דעם לאַנד. די יידן האָבן אַנטוויקלט דעם מסחר און די מלאכות און האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן צו פאַרפעסטיקן דעם עקאָנאָמישן מצב. זיי פלעגן האַלטן אין אַרענדע גיטער און אַפילו גאַנצע שטעטלעך, ווו זיי פלעגן טייל מאָל שפּילן די ראָלע פון „באַלעבאַטים". זיי פלעגן דאָ אויפמאָנען די שטייערן, האַלטן שענקן און פלעגן זיך אויך באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט.

די יידן אין אוקריינע אין דער תקופה ערב די שרעקליכע יאָרן האָבן זיך מתעסק געווען מיט וועלטליכע חכמות. ס'האָבן זיך געצויגן אַהין פיל יידן פון אַנדערע לענדער, ווו ס'האָט זיך דעמלט שווער געלעבט, בפרט פון דייטשלאַנד, ווו די יידן האָבן אין 16־טן יאָרהונדערט שטאַרק געליטן פון די שטענדיקע רדיפות. אין דייטשלאַנד האָט מען זיי גערודפט און פאַרטריבן, אַמאָל פון איין שטאָט, אַמאָל פון אַן אַנדערער.

פון דייטשלאַנד איז אויך געקומען קיין אוקריינע די משפחה, וואָס פון איר שטאַמט נתן־נטע האַנאָווער. דער פאַמיליע־נאָמען באַווייזט, אַז די דאָזיקע משפחה האָט געשטאַמט פון דער שטאָט האַנאָווער, ווייל יידן פלעגן דעמלט באַקומען די נעמען פון די שטעט, וועלכע זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן. ווען האָט די משפחה האַנאָווער עמיגרירט פון דייטשלאַנד — דאָס איז ניט באַוווּסט, נאָר, ס'ווייזט אויס, האָט דאָס פּאַסירט אין יאָר 1593, ווייל דעמלט זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן פון דער דערמאָנטער שטאָט.

★

דער תלמודישער לימוד אַליין האָט ניט באַפרידיקט נתן־נטע האַנאָווער. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט קבלה. ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער קבלה־ליטעראַטור פונעם אר"י, וואָס איז אַנגעקומען פון פּוילן קיין אוקריינע. די קבלה איז געווען די תורה פון רבי יצחק לוריא.

אין קראָקע אין 1646 איז נתן־נטע האַנאָווער אַרויסגעטראָטן מיט אַ דרשה „טעמי־סוכה", וואָס איז שפּעטער געוואָרן אָפּגעדרוקט. דאָס באַווייזט, אַז ער האָט שוין פון דער היים, אין אוסטראָה, מיטגעבראַכט טיפע ידיעות אין קבלה. ס'זענען אים ניט פרעמד געווען אויך וועלטליכע חכמות. ער האָט קענטיק געהאַט אַ באַזונדערע נטיה צו געשיכטע, וועלכע ער האָט אַזוי קלאָר אַרויסגעוויזן אין זיין ספר „יון מצולה". ער האָט געקאָנט די פּוילישע, דייטשע, לאַטיינישע שפּראַכן און פאַרפאַסט אַ פיר־שפּראַכיקן ווערטער־בוך.

גענוי ווען נתן־נטע האַנאָווער האָט חתונה געהאַט איז ניט באַוווּסט. נאָך דער חתונה איז ער אַריבערגעפאָרן צו זיין שווער ר' אברהם קיין זאַסלאַוו, ניט ווייט פון אוסטראָה. ווי עס ווייזט אויס האָט ער זיך דאָרטן באַשעפטיקט מיט מגידות און פלעגט פון צייט צו צייט אַרויספאָרן אויך אין אַנדערע קהילות האַלטן דרשות. אין זאַסלאַוו זענען אים געבוירן געוואָרן צוויי טעכטער.

ער האָט אויך געהאַט אַ ברודער. דאָס דערוויסן מיר זיך פון דעם שער־בלאַט צום מחזור „שערי־ציון", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1671 אונטער האַנאָווערס השגחה. דאָרטן שטייט, אַז זיין ברודער איז געווען רב אין דער פּוילישער שטאָט גואדיף.

אין זאַסלאַוו האָט ער געלעבט רויִק ביז 1648. ווען ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון אוקריינישן יידנטום אויף אַ לאַנגער צייט. די דאָזיקע צרה האָט געצוווּנגען נתן־נטע האַנאָווער זיך נעמען צום וואַנדערשטעקן.

★

זאַסלאַוו, ווו נתן־נטע האַנאָווער האָט געוווינט אַ געוויסע צייט מיט זיין ווייב און קינדער און זיין שווער, ר' אברהם, איז געווען אַ גרויסע, שיינע היסטאָרישע שטאָט. ווען די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן איז ניט באַקאַנט. אפשר אין 12־טן יאָרהונדערט. דער ערשטער היסטאָרישער דאָקומענט, ווו זאַסלאַוו איז דערמאָנט איז אַ גראַמאָטע, וואָס דער פּוילישער מלך וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ האָט אַרויסגעגעבן דעם 4־טן נאָוועמבער 1386 אין לויצק, צוזאַמען מיט דעם גרויספירשט וויטאָוויטש פון ליטע צום רוסישן פירשט פיאָדאָר דאַנילאָוויטש, דער אוסטראָהר.

אין דער גראַמאָטע באַשטעטיקן זיי דעם רוסישן פירשטס אייגנטום פון דער שטאָט אוסטראה און זיין אומגעגענט, אויך די רעכט צו באַזיצן די שטעט זאַסלאַוו, קאָרעץ, כלאָפּאָטין (איצט קראַסנאָסטאַוו פון זוויהלער אויעזד) מיט דעם באַדינג, אַז ער, פיאָדאָר דאַנילאָוויטש, זאָל טריי דינען דער פּוילישער קרוין. דער זון פון פיאָדאָר דאַנילאָוויטש, וואַסילי פיאָדאָראָוויטש, האָט שטאַרק באַפעסטיקט די שטאָט זאַסלאַוו מיט היפשע מויערן אויף די בערג ביי די ברעגן פון טייך גאָרין. די מויערן אַרום דעם אַלטן פירשטליכן שלאָס קען מען זען אויך איצט.

זינט 1386 אין משך פון עטליכע יאָרהונדערטער, האָט זאַסלאַוו געדינט אַלס רעזידענץ פון די פירשטן אוסטראה־זאַסלאַוער. אין די לעצטע יאָרן האָט דער זאַסלאַווער מאַיאָנטעק

באַלאַנגט צו דעם פּוילישן פירשטן־הויז סאַנ־
גושקאַ, וואָס האָט זיך באַהעפט מיט דעם פירשטן
הויז אָסטראָה־זאַסלאַווער.

דער רוסישער פירשט איוואַן איוואַנאָוויטש, דער 4־טער, דער זאַסלאַווער, איז געווען דער ערשטער פון דער אַלט־רוסישער פּראַוואָסלאַוו־נער משפחה פון זאַסלאַווער פירשטן, וואָס האָט זיך געטויפט און אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער און האָט געביטן זיין נאָמען איוואַן אויף יאַנוש. דאָס האָט פּאַסירט אין 1694. כדי צו ווייזן זיין איבערגעגעבנקייט צו קאַטאָליזם, האָט יאַנוש אָנגעהויבן בויען קאַטוילישע קירכעס אין זיינע מאַיאָנטקעס. אין 1599 האָט ער אויפגעבויט פון ריינעם שטיין דעם קאָסטיאָל (די פּאַרע) אין דער אַלטער־שטאָט אין זאַסלאַוו און אויך אַ צווייטן קלויסטער אין 1603 פּאַר די בערנאַרדינער מאָנאַכן.

יאַנושעס איינקל, פירשט וולאַדיסלאַוו־דאָמיניק אַלעקסאַנדראָוויטש, דער זאַסלאַווער און אוסט־ראָהר, איז געווען דער, וואָס האָט געהערשט אין זאַסלאַוו, ווען נתן־נטע האַנאָווער האָט גע־וווינט אין דער שטאָט. פירשט וולאַדיסלאַוו־דאָמיניק האָט געהאַלטן אַ געוויסע צאָל חיל אין זאַסלאַוו אין זיין שלאָס. ער האָט אָנטייל גענומען אין מלחמה מיט כמעלניצקי אין מאָכ־נאָוועץ, זבאַראַזש, בערעסטעטשקאָ אין 1651. נתן־נטע האַנאָווער האָט ניט געהאַלטן פון אים און אין זיין „יון מצולה" שרייבט ער וועגן פירשט דאָמיניק: „דער דאָזיקער דוכוס האָט אַ סך פּורעניות געבראַכט אויף יידן און בכלל אויף דער פּוילישער מדינה: ער איז געווען אַ גרוי־סער עושר און האָט פאַר זיין לעבן קיין מאָל ניט געפּרווט פירן אַ מלחמה: ער איז געווען אַ פחדן".

די שטאָט זאַסלאַוו ליגט אויף ביידע ברעגן פון טייך גאָרין און זיינע צוויי צופלוסן פאַרמירן אַ ברייטן סטאַוו, וואָס צעטיילט די שטאָט אויף צוויי טיילן: די אַלטע און די נייע שטאָט. די אַלטע שטאָט געפינט זיך אויף זייער בילדערישע הויכענישן אויף די ברעגן פון גאָרין, וווּ ס'זענען ביז איצט פאַרבליבן די מויערן פון אַמאָליקער פעסטונג, געביידעס פון אַמאָליקן פירשטן־שלאָס, פערד־שטאַלן, וואַרשטאַטן, קלויסטערס. לענג־אויס די הויכענישן אויף אַ באַזונדער בערגל איז געשטאַנען די זייער אַלטע שול פון זאַסלאַוו, וואָס פון דרויסן האָט זי גיכער אויס־געזען ווי אַ פעסטונג, איידער אַ בית־תפילה, מיט בלינדע פענצטערלעך אויף די אונטערשטע שטאָקן און קליינע גוט־באַוואָרנטע פענצטער־לעך־קוקלעכער אויף די העכערע גאָרנס. די שול האָט געהאַט אַ רונדן דאַך אין אָריענטאַ־לישן סטיל. ס'ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס בויען פון דער שול איז געווען באַיינפלוסט דורך היימ־לאָזע פון איספּאַניע. אין דער שול האָבן זיך געפונען ספר־תורות פון איספּאַניע (אין 1926 איז די שול אָפּגעברענט געוואָרן). די אַלטע שטאָט אין זאַסלאַוו האָט אין אַ געוויסן זין פאַר־געשטעלט אַ מוזעאום פון מיטלאַלטער.

אויף די הויכענישן אויף דער צווייטער זייט פון טייך גאָרין, אין דער נייער־שטאָט, האָבן זיך געפונען פאַרבלייבעכצן פון אַלטע פעסטונגען מיט טיפע קעלערן, ווו די באַפעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין צייט פון טאַטערישע אָנ־פאַלן. אין די צאַרישע צייטן זענען דאָרט אויפ־געבויט געוואָרן גרויסע קאַזאַרמעס.

ווי שוין דערמאָנט — האָט דאָס רוב יידן אין אוקריינע געפירט אַ באַלעבאַטיש, פאַרמעגלעך לעבן. מערסטע גרעסערע פּריצים האָבן אָנגע־טרויט די פאַרוואַלטונג מיט זייערע מיאַאָנטקעס צו יידן. אַליין האָבן זיי געוווינט אין די גרע־סערע פּוילישע שטעט, אָדער אין זייערע פּראַכט־פולע שלעסער. יידן האָבן אַרענדירט ביי די פּריצים אַלץ, וואָס האָט געקענט ברענגען הכ־נסה, איינשליסנדיק שטייער אָפּצאָל. און די שטייערן, וואָס די אוקריינישע באַפעלקערונג האָט געצאָלט, זענען געווען גוואַלדיק גרויסע, אונבאַגרעניצטע און אונדערטערעגליכע. דער פּוי־ער האָט געהאַט צו טון מיט דעם פּריצעס פאַר־מיטלערס, די אַרענדאַרן, און האָט אויף זיי אַריבערגעטראָגן זיין גאַנצע שנאה און אין זיי געזען דעם מקור פון זיין אומגליק און אונ־טערדריקונג.

נתן־נטע האַנאָווער האָט גוט פאַרשטאַנען די דאָזיקע סיטואַציע און שוין אין יענער צייט געזען, אַז דער דאָזיקער סאָציאַלער קאָנפליקט איז געווען איינער פון די הויפּט־סיבות פון די רדיפות אויף יידן: „די קאָזאַקן זענען פּטור גע־ווען פון אַלע אָפּצאָלן און האָבן זיך געפילט פונקט אַזוי פריי ווי די פּוילישע שררות. נאָר דער אָרעמער טייל פון פאָלק איז געווען דער־שלאָגן און פאַרשקלאַפט. די פּוילישע פּריצים פלעגן זיי פאַרביטערן דאָס לעבן מיט כלערליי שווערע פּראַצע אין שטוב און אין פעלד און האָבן אָנגעלייגט אויף זיי גרויסע אָפּצאָלן. און אַ טייל פון די פּוילישע האַרן פלעגן פייניקן די יוונים (אוקריינער) מיט שווערע און ביטערע יסורים, כדי צו נייטן זיי זאָלן בייטן זייער אמונה אויפן גלויבן פונעם פויפסט, און אַזוי געפאַלן זענען די יוונים ביי זיך, אַז אַלע האָבן איבער זיי געוועלטיקט, אַפילו די דאָזיקע אומה וואָס איז מער געפאַלן פון אַלע אַנדערע אומות".

צו די אַלע סיבות זענען נאָך צוגעקומען אַנ־דער סאָציאַלע עקאָנאָמישע סיכסוכים: די אַמ־ביציעס פון די קאָזאַקן אַרויסצושטופּן די יידן און די פּאָליאַקן פון די אַרענדעס און די שטרע־

בונג פון די אוקריינער שטאָטישע עלעמענטן פּטור צו ווערן פון די פּוילישע און יידישע קאָנקורענטן. די יידן זענען זייער אָפט געווען דער שעיר־לעזאזל ביי די כסדרדיקע קאָזאַקישע בונטן.

אין אמתן איז באַוווּסט, אַז די יידישע מאַסע אַליין, ניט ווייניקער פון דעם אוקריינישן המון, האָט געליטן פון פּוילישן דרוק און האָט געצוווּנגענערהייד געמוזט טון דעם ווילן פון די פּוילישע פּאַנעס. „די דאָזיקע באַוועגונג האָט מיטגעריסן אין אוקריינע דאָס פּויערטום און די שטאָטישע באַפעלקערונג און האָט זיך ברייטער, ווי אַ כוואַליע, צעגאָסן איבערן גאַנצן דניעפּער־קאַנט. די אויפגעשטאַנענע אוקריינער האָבן זיך פאַראייניקט מיט זייערע פריערדיקע שונאים, די קרימער טאָטערן, וועלכע האָבן געזוכט נאָר אַ געלעגנהייט צו גזלה, און צוזאַמען מיט די טאָטערן האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון ראַבעווען און אויסהרגענען די יידישע און פּוילישע באַפעלקערונג מיט אַ שרעקליכער רציחה" — שרייבט היסטאָריקער י. איזראַעלסאָן.

דאָס שרעקליכע יאָר 1648. כמעלניצקיס חיילות האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר ניצחונות איבער די פּאָליאַקן, האָבן פאַרברענט און אויסגעהרגעט אַ ריי שטעט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג, געמאַכט אַ בלוט־באָד אין די יידישע שטעט נעמיראָוו און טולטשין און האָבן דערלאַנגט ביז פּאָלאָנע, ניט ווייט פון זאַסלאַוו, וווּ נתן־נטע האַנאָווער האָט דעמלט געוווינט. אָט ווי האַנאָווער באַשרייבט דעם גורל פון זאַסלאַוו און אירע איינוווינער אין זיין ספר „יון מצולה":

„מיר האָבן אין זאַסלאַוו דערהערט, אַז די טאָטערן און די יוונים (אוקריינער) באַלאַגערן די שטאָט פּאָלאָנע, ווייל מיר פלעגן יעדן טאָג שיקן שליחים קיין פּאָלאָנע. דינסטיק, ר"ח מנחם אב, האָט דער שליח ניט געקאָנט צוקומען צו דער שטאָט, ווייל זי איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון שונא. ערשט אויף מאָרגן, מיטוואָך, איז דער שליח צוגעקומען מיט דער טרויעריקער בשורה, אַז די שונאים באַלאַגערן פּאָלאָנע... ווער ס'איז נאָר געווען בכוח, איז אַנטלאָפן פון שטאָט, איבערגעלאָזן אונדזערע הייזער פול מיט האָב און גוטס... אַבי נאָר צו ראַטעווען דאָס לעבן... אַ טייל איז געלאָפן קיין אוסטראָה... איך מיט מיין פאַמיליע און מיין שווער ר' אברהם פון זאַסלאַוו מיט זיין משפּחה זענען אַנטלאָפן קיין מעזשיריטש...".

אין אוסטראָה און אין מעזשיריטש זענען זיך צונויפגעלאָפן איבער צען טויזנט יידן מיט זייערע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געוואָלט איבערוואַרטן שבת־חזון, ביז מ'וועט באַקומען ידיעות פון פּאָלאָנע און ביז די לאַגע וועט קלאָר ווערן... גלייך נאָך דעם איז געקומען די ידיעה, אַז דער זאַסלאַווער דוכוס, דער קאָמאַנדיר דאָמיניק וועט מיט אַ גרויסן חייל נאָך דעם זעלביקן טאָג אַרויסגיין אַנטקעגן דעם דוכוס ווישנעוועצקי, כדי צוזאַמען גיין באַפרייען פּאָלאָנע פון דעם שונא. דער דוכוס און מיט אים טויזנט אויסדערוויילטע זעלנער, און צווישן זיי דער גבור מיטן נאָמען לאַשטש, זענען אַרויסגעטראָטן, און דער איבעריקער טייל איז געגאַנגען פון אונטן...

„נאָר שוין האַרט פאַר קבלת־שבת איז געקומען די שוידערלעכע בשורה, אַז דער מאַגנאַט, דער ראש־העיר פון פּאָלאָנע, און מיט אים אין איינעם אַ סך מאַגנאַטן זענען אַנטלאָפן פון דאָרטן און האָבן דערציילט, אַז פּאָלאָנע איז געפאַלן. אַלע דאָרטיקע מאַגנאַטן און יידן זענען דערהרגעט געוואָרן און דער שונא גייט אויף זאַסלאַוו. דער דוכוס ווישנעוועצקי מיט זיין חייל איז אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנטינאָוו, און די קאָזאַקן און די טאָטערן האָבן אים נאָכגעיאָגט, און אַ טייל פון זיי האָט זיך אַ לאָז געטון צו אוסטראָה און מעזשיריטש. דעמלט איז אויף די פּוילישע מאַגנאַטן אָנגעפאַלן אַ שרעק, און אַ גרויסער פּחד איז אויך געפאַלן אויף די יידן...

„אין מיטן דער נאַכט איז דער דוכוס דאָמיניק אַרויס פון דער שטאָט דורך די טויערן, וואָס פירן קיין פּוילן, מחמת ער האָט מורא געהאַט צו גיין מיטן טראַקט, וואָס פירט קיין קרעמענעץ דורך זאַסלאַוו, וווּ ס'זענען שוין געשטאַנען גרויסע מחנות קאָזאַקן און טאָטערן, און דאָמיניק האָט ביי זיך געהאַט נאָר אַ קליינעם חייל. האָט ער בכן באַשלאָסן צו גיין אויף אַן אַרום־וועג קיין קרעמענעץ, ניין מייל דורכן וואַלד... דער עולם האָט אָבער געמיינט, אַז דער שר־החייל אַנטלויפט קיין פּוילן... די פּרנסים פון אוסטראָה האָבן מכריז ומודיע געווען, אַז קיין ייד זאָל למען השם ניט בלייבן אין שטאָט, און דאָס אייגענע האָט מען געטון אין מעזשיריטש, ווייל דער שונא איז געשטאַנען שוין אַ מרחק פון צוויי מייל, אַ חוץ דעם זענען מיר ניט געווען זיכער, אַז די אָרטיקע איינוווינער, די יוונים (אוקריינער), וועלן אויף אונדז אויך ניט אָנפאַלן. און אַלע האָבן די עצה געהאָרכט און זענען אַנטלאָפן... מ'האָט פאַרנומען ווייב און קינד, איבערגעלאָזן דאָס גאַנצע האָב און גוטס אויף הפקר און געלאָפן צופוס. און עס האָבן זיך געצויגן דעם שבת־חזון רייען פורן, איינע נעבן דער אַנדערער אין דער ברייט — אויף אַ מרחק פון זיבן מייל פון אוסטראָה ביז דובנע, אויך מאָסן פוסגייער. ביי טאָג, צוויי אַזייגער, דעם זעלביקן שבת־חזון האָבן אונדז דעריאָגט דריי רייטער. איין ייד, ר' משה צורף פון אוסטראָה, און צוויי פּוילישע פּאַנעס, וועלכע האָבן געזאָגט: „וואָס גייט איר אַזוי פּאַמעלעך, דער שונא איז דאָך שוין באַלד דאָ. ער איז שוין

אין מעזשיריטש, מיר זענען קוים פון אים ניצול געוואָרן". גלייך איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה און אַ שרעקליכע רגע איז געקומען פאַר אונדזערע אַחינו בני ישראל, וואָס האָט גאָר ניט איר גלייכן. יעדערער האָט אַרויסגעוואָרפן פון וואָגן זיין גאָלד און זילבער, זיינע בגדים, ספרים, בעטגעוואַנט — אַבי נאָר גיכער צו אַנטלויפן און ראַטעווען די נשמה. אויפן פעלד האָט זיך געוואַלגערט גאָלד און זילבער און קליידער... אַ טייל האָבן איבערגעלאָזן זייער פערד און וואָגן מיט אַלץ וואָס דאָרטן איז געווען, זייערע ווייבער, און זענען אַנטלאָפן אין וואַלד. און פיל פרויען און מענער, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך זייערע קינדער, האָבן אין דער בהלה געלאָזן די קינדער און זענען אַנטלאָפן און באַהאַלטן זיך אין די וועלדער און אין די גריבער... אין דעם מאָמענט איז מקויים געוואָרן אויף אונדז דער פסוק: „איר וועט לויפן און קיינער וועט אייך ניט יאָגן", ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ ליגן, ניט דער שונא און ניט די טאָטערן האָבן אונדז נאָכגעיאָגט, נאָר דער פחד אין דעם גאַנצן שבת־חזון איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז יעדן האָט זיך געדוכט, אַז די יוונים יאָגן אים...".

נאָך דעם ווי די שונאים האָבן גענומען פאָלאָנע און אַ תל געמאַכט פון דער שטאָט, זענען זיי געגאַנגען פון דאָרטן קיין זאַסלאַוו. האָבן דאָרטן צעראַבעוועט די גאַנצע קהילה, אויסגעהרגעט ביז צוויי הונדערט יידן, וועלכע זענען ניט בכוח געווען צו אַנטלויפן. אַ טייל יידן האָבן זיך פאַרלאָזן אויף זייער גוט־פריינדשאַפט מיט די אוקריינער און געהאָפט, אַז יענע וועלן זיי מציל זיין, און האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, ביז די צרה וועט זיין פאַרביי. דאָרטן זענען זיי געלעגן באַהאַלטן אַ לאַנגע צייט, זענען שיעור נישט געשטאָרבן פון הונגער און דורשט... און אַז זיי זענען געקומען אין שטאָט ריין, האָבן זייערע „גוטע" פריינט זיי געכאַפּט און געוואָלט טויטן; האָבן די יידן אָנגעהויבן בעטן, מ׳זאָל זיי טויטן אויפן בית־עולם, כדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו קבורה. די גויים האָבן נאָכגעגעבן זייער בקשה, האָבן זיי אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם און די יידן זענען אַריין אין שטיבל פונעם בית־עולם און דאָרטן זענען זיי אַלע דערהרגעט געוואָרן, און נאָך דעם האָבן די גויים פאַרברענט דאָס שטיבל אין איינעם מיט די יידן... און די גלחים פון זאַסלאַוו האָבן נאָך פון זיי אַראָפּגעשונדן די הויט לעבעדיקערהייט. די מאַגנאַטן, וואָס זענען דאָרטן פון לאַנג געלעגן באַגראָבן, האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די קברים ווי פּגרים, און דאָס גאָלד און זילבער פון די קברים האָט מען צעראַבעוועט. די קלויסטערס (די קאַטוילישע) האָט מען צעשטערט, און פון דער שול האָבן זיי געמאַכט אַ שטאַל פאַר פערד. דאָס אייגענע האָבן זיי אויך געטון אין אוסטראָה. דאָרטן האָבן זיי אויסגעהרגעט זעקס הונדערט נפשות, וואָס זענען פאַרבליבן אין שטאָט.

צווישן די קרבנות פון דער אוסטראָהער שחיטה איז אויך געווען משה האַנאָווער, דער פאָטער פון נתן־נטע. דער מחבר פון „יון מצולה" דערציילט ניט וועגן זיין פאָטערס טויט, נאָר אומעטום, ווו ער רעדט וועגן אים איז ער מוסיף צו זיין נאָמען: „הקדוש". אויך דערציילט ער ניט ווי אַזוי עס האָט אים מיט זיין פאַמיליע אָפּגעגליקט אַנטלויפן פון די ווילדע קאָזאַקן און ניצול ווערן פון דעם לאַנד, וואָס איז געוואָרן אַן אמתע שחיטה־הויז פאַר יידן.

★

נאָך די שווערע איבערלעבונגען אין אוקריינע, אַ פּליט פון אַ לאַנד אין חורבן, האָט נתן־נטע האַנאָווער אָנגעהויבן וואַנדערן איבער דער וועלט. ער האָט געטראָגן אין יאָך פון אַ גרויסער פאַמיליע. צוערשט איז ער געקומען קיין דייטשלאַנד, ווו ער איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, באַזוכנדיק יידישע קהילות. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון האַלטן דרשות אין בתי־מדרשים שבתים און אין יום־טוב טעג. ווייזט אויס, אַז דאָס איז ניט געווען גענוג אויפצוהאַלטן זיין פאַמיליע; ער איז אַוועק קיין האָלאַנד.

אין 1652 אין אַמסטערדאַם, ווו נתן־נטע האַנאָווער האָט געוויס געוווינט, איז אַרויס פון דרוק זיין ספר „טעמי־סוכה". וועגן סוכות און די תפילות פון סוכות. די דרשה איז געהאַלטן געוואָרן נאָך אין 1646 אין קראָקע. אָבער אויך אין האָלאַנד האָט ער לאַנג ניט פאַרבראַכט. אים האָט געצויגן קיין איטאַליע. אין איטאַליע זענען דעמלט געווען גרויסע יידישע קהילות מיט אַ סך יידישע געלערנטע. אַ גרויסע השפעה האָט געהאַט דאָרט די קבלה־תורה, דאָס האָט האַנאָווערן שטאַרק געצויגן. ער איז, ווייזט אויס, שטענדיק געווען אַסקעטיש געשטימט און האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג פאַר מיסטיק. זיינע שווערע איבערלעבונגען אין אוקריינע האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די נטיה. אין דער נייער סביבה האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיין גרויס ווערק „יון מצולה", אויפשטעלן די כראָניק פון די רדיפות אין אוקריינע. ביים שרייבן האָט ער צום צווייטן מאָל דורכגעלעבט די שרעקן און פיין, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען.

1652. האַנאָווער האָט געפונען אַ מקום־מקלט אין דעם בית־המדרש פון דעם מעדיקוס דוד וואַלענסין אין ווענעציע. דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן זיין היסטאָרישן חיבור „יון מצולה". אין אַ יאָר אַרום האָט ער באַקומען אַ שטעלע אַלס רב אין ליוואָרנע, וווהין ער איז אַריבערגעפאָרן. אין ליוואָרנע איז ער זיך צענויפגעקומען מיט

פראַמינענטע חסידים פון דעם גרויסן קבלה־לערער, לוריא. איינער פון זיי איז געווען חיים וויטאלס, וועלכער האָט אַנטפלעקט פאַר האַנאַווערן סודות פון לוריאס קבלה און האָט אים איבערגעגעבן אַ סך חידושים פון זיין רבין, וואָס זענען ניט אַריין אין חיבור „עץ החיים״.

צוזאַמען מיט זיינע נייע פריינט, קבלה־אָנהענגער, איז האַנאָווער צום צווייטן מאָל געקומען קיין ווענעציע און האָט פאַרבראַכט דאָרט צוויי רוייקע יאָר אין 1655 — 1656 אין דער אָרטיקער ישיבה. אין צוויי יאָר אַרום האָט האַנאָווער מיט זיין פאַמיליע פאַרלאָזט ווענעציע און האָט זיך געלאָזט אין אַ ווייטער נסיעה צו דער האַלב־ווילדער וואַלאַכיע (היינטיקע רומעניע), ווו ער האָט אָנגענומען דעם אַמט פון אַ רב. אין וואַלאַכיע האָט ער פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. דאָרט האָט ער זיך אָפגעגעבן מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט דאָרט אַרויסגעגעבן צוויי נייע ביכער, וואָס האָבן געהאַט אַ פראַקטישן צוועק: דעם פירשפראַכיקן ווערטער־בוך — „שפה ברורה״ און דעם ספר „שערי־ציון״, זאַמלונגען פון פאַרשידענע תפילות. די ערשטע אויסגאַבע פון ווערטער־בוך איז אַרויס אין פראָג אין יאָר 1660, און די ערשטע אויסגאַבע פון „שערי־ציון״ — אין 1662, אויך אין פראָג.

אין אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן פון 17־טן יאָרהונדערט האָט ער פאַרלאָזט וואַלאַכיע. צי זיין אומרויִקער גייסט, אָדער דאגות־פרנסה, אָדער ביידע צוזאַמען, האָבן אים געצוווּנגען אָפרייזן פון וואלאכיע — איז ניט באַוווּסט. מיר געפינען אים דעמלט אין אַן אַנדער אָרט — אין אונגאַריש־בראָד, אַ שטאָט אין מערן. אין אונגאַריש־בראָד איז ער געווען דיין און מגיד. אין בראָד האָט ער חתונה געמאַכט זיינע ביידע טעכטער. דער נאָמען נאָר פון איין איידעם איז באַקאַנט — ישראל ניסן מברודא. דעם נאָמען ווייסן מיר פון דעם שער־בלאַט אין אַ ספר „התרת נדרים״. דער מחבר פון ספר איז געווען נתן־נטע האַנאָווערס אייניקל. אין דעם שער־בלאַט דערמאָנט ער זיין פאָטער.

אין בראָד האָט האַנאָווער אָנגעשריבן צוויי קבלה־ספרים: „תוקף ייך״ — די באַדייטונג פון פורים על־פי הקבלה, און „יפה נוף״, אַ פירוש אויף תהילים און אויף די תפילות אויך עפ״י הקבלה.

אַ חוץ די ספרים וואָס זענען דערשינען, האָט נתן־נטע האַנאָווער אָנגעשריבן אייניקע ווערק וואָס זענען ניט פאַרעפנטליכט געוואָרן, ווי „נטע שעשועים״ — דרשות אויף אַלע פרשיות פון חומש, „יפה נוף״ און אַנדערע. „ער איז געווען אַ מאַן מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ פעסטן כאַראַקטער. זיין טיפער גלויבן האָט אים געגעבן דעם כוח אַריבערצוטראָגן אַלע צרות און אין זיין גייסטיקער אַרבעט האָט ער געפונען די איינציקע נחמה״ — זאָגט עדות וועגן אים זיין ביאָגראַפער זבאַוועלסאָן.

★

וועגן די שוועריקייטן, וואָס האַנאָווער האָט געוויס געהאַט ביים אַרויסגעבן זיינע ספרים אויף זיין אייגענעם חשבון, אָפגעשפאָרט פון זיין מאָגערער הכנסה, דערמאָנט ער ניט, אָבער אַ רמז וועגן דעם געפינען מיר אין זיין הקדמה צום ספר „יון מצולה״:

„איך האָב אַלצדינג באַשריבן מיט אַ קלאָרער געלייטערטער שפראַך און געדרוקט און אַרויסגעגעבן אויף אַ שיינעם פאַפיר. דעריבער טוט קויפן דעם ספר לויט זיין פרייז. שאַנעוועט ניט און נעמט עפעס אַראָפ פון אייער געלט, בכדי איך זאָל קענען איבערגעבן צום דרוק און אַרויסגעבן דעם ספר „נטע שעשועים״, ווו איך האָב צענויפגעקליבן מיינע דרשות אויף דער תורה... זאָל אייך גאָט אָפהיטן פון אַלע צרות און זאָל אונדז שיקן משיחן אין גיכן... די רייד פונעם מחבר נתן־נטע בן הקדוש מוהר״ר משה האַנאָווער זצ״ל אשכנזי הי״ד, פון ק״ק זאַסלאַוו, נעבן אוסטראהה, וואָלין, אין דער שיינער מדינה רייסן (אוקריינע)״.

סוף סוף איז ער אָנגעקומען אין אַ שטאָט, ווו ער האָט געפונען אַ מקום מנוחה. אָבער אַ פנים אים איז ניט באַשערט געווען רויִק דורכצולעבן זיין לעצט ביסל יאָרן און צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט. אין בראָד איז אויסגעבראָכן אַ פאָגראָם אויף יידן און ער איז געפאַלן אַ קרבן פון ווילדע מערדער.

מלחמה איז אויסגעבראָכן צווישן טערקיי (אונטער דעם סולטאַן מאַכמעד דער זעקסטער) און עסטרייך (קייזער לעאָפאָלד דער 1־טער). די טערקן האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונגאַרן און זיך געלאָזן גיין אויף ווין. דעם זעלבן טאָג, דעם 14־טן יולי 1683, האָט זיך טעקעלי׳ס חייל, אונטער דער אָנפירונג פון דוד פעטענהאַזי, אַריינגעריסן אין מערן. דער ערשטער קרבן איז געווען די שטאָט אונגאַריש־בראָד וואָס איז געבליבן אָן מיליטערישער שוץ. די באַנדעס קורוצן זענען פלוצים אָנגעפאַלן אויף דער שטאָט, גאַנץ פרי, בשעת די יידן האָבן געדאַוונט שחרית אין שול. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער שול און אויסגעקוילעט אַלע יידן, וואָס זענען דאָרט געווען. צווישן זיי אויך נתן־נטע האַנאָווער. זיין לעצטע בקשה איז געווען מען זאָל אים מקבר זיין אויפן יידישן בית־עולם. ביז היינטיקן טאָג שטייט נאָך אויף זיין קבר אַ מצבה מיט דער אויפשריפט:

תמג״ל
רבינו הקדוש חכמת ישראל
כלי הקודש מנורה הטהורה
פה המתגבר בתורה
נהרג במיתה חמורה.
אשריו שיצאה נשמתו מגוף טהורה
והשלים נפשו על יחוד שם הבורא
מי לנו גדול ממורנו הרב ר׳ נתן־נטע
ב״מ משה מאוסטראה, עלתה נשמתו
למרום, וכתר תורה על ראשה לעטרה
כ׳ תמוז בחודש נהפך מיגון לצרה
תנצב״ה

★

אחרית דבר: אליהו טשעריקאווער אין זיין בוך „די אוקריינער פאגראמען אין יאר 1919״, דערמאנט איינעם פון האנאווערס אחרית דור:

„מיר האבן פאר זיך א דאקומענט, וואס שילדערט די געשעענישן אין דער אלטער היסטארישער שטאט זאסלאוו. דאס איז א טאגבוך פון נתן האנאווערס אן אור־אור־אייניקל, געשריבן אין דער זעלביקער שפראך און סטיל, ווי ס׳האט געשריבן זיין אורזיידע:

„מיט 271 יאר צוריק, שרייבט זיין אור־אייניקל, איז אינעם זעלביקן וואלינער שטעטל זאסלאוו געזעסן ר׳ נתן און האט געפירט א פנקס פון די שרעקליכע טעג, פון באגדאן כמעלניצקי און גזרת ת״ח ות״ט, איצט זיץ איך, זיין אייניקל, פון פינפטן דור מיטן נאמען נתן, אינעם זעלביקן זאסלאוו און פארצייכן ביי זיך אין פנקס ענליכע פורעניותן פון דער נייער צייט.

„אויף פסח 1919 איז קיין זאסלאוו אראפגעקומען א פעטלורישער מיילטער־טייל. די קאזאקן האבן זיך געריסן צו א פאגראם. אבער פארן אריינפארן אין שטאט האט איינער פון די אפיצירן זיי גענומען איינריידן, אז זיי זאלן ניט מאכן קיין הריגה, נאר ארויפלייגן אויף זיי קאנטריבוציע. די מערהייט האט צום סוף באשלאסן די יידן ניט אויסראטן. פון דעסטוועגן האבן זיך די קאזאקן ניט איינגעהאלטן; ס׳איז פארגעקומען א פאגראם, מ׳האט געראבעוועט, מ׳האט אנגעטון עינויים קשים און 9 מענטשן געהרגעט״.

דער מחבר ברענגט אזא סצענע:

צום אלטן גרייז־גרויען רב, דעם גאון ר׳ אליעזר הכהן חריף, וואס איז מיט א יאר צען צוריק געווען א מיטגליד פון דער „רבנים־קאמיסיע״ אין פעטערבורג, זיינען אריינגעקומען קאזאקן. ניט געפינענדיק קיין געלט, האט א קאזאק אים געוואלט שיסן און געהייסן אפקערן זיך מיטן פנים צו דער וואנט. אבער דער אלטער רב האט זיך אפגעזאגט: „ניין״, האט ער געזאגט „איך וועל זיך דווקא שטעלן צו דיר מיטן פנים און מיינע אויגן זאלן זען, ווי וועסטו שיסן א יידישן רב פון אכציק יאר, און דיר איז דאך קיין נפקא־מינה ניט פון וועלכער זייט דו וועסט שיסן״.

די דאזיקע ווערטער האבן אפגעשטעלט דעם קאזאקס האנט און ער איז אוועק.

ר׳ נתן, דער אוראוראייניקל פון נתן־נטע האנאווער, דער שרייבער פון טאגבוך וועגן די געשעענישן אין זאסלאוו אין 1919, איז געווען מיין רבי.

---

חיים דן (עינת)

# וואס דארפן מיר דערציילן

מיר ברענגעו דא די שלוס־ווערטער פון ה׳ חיים דן בעתן סימפאזיאן אד״ט: „ווערטן און דאטעס אין וואלינער יידנטום (לויט ילקוט ווהלין 31)״ — איינגעארדנט פון קולטור־קאמיסיע, נעבן אלג. וואלינער פארבאנד אין הייכל, דעם 23טן מאי ה.י.; די ווערטער פון אלע אנדערע אנטיילנעמער וועלן געבראכט ווערן אין קומענדיקן נומער (33) פון ילקוט, העברעיישע אויסגאבע.

ראשית הכמה, זאל דא קלאר געזאגט ווערן: דער ציל פון אונדזער איצטיקן סימפאזיאן — ווייטערע באמיונגען באריייכערן דעם אינהאלט פון ילקוט. כ׳האב זיך דעריבער געפרייט הערן אין נתנ׳ס (רעדאקטאר) דערעפענונג־ווערטער אן אפקלאנג פון אונרו. פון זוכענישן. דאס איז א גוטער סימן. געוויס איז בעסער אזוי איידער זיך באגענוגענען מיט „יש״, ווי איינער זאגט: „שישו בני מעי״ (יידיש: „וואס קלאפט זיך צופרידן אין בייכל״). געוויס. זעלבסט־צופרידנקייט הייסט: שטיין אויף איין ארט. ניט דאס איז דער וועג וואס פירט פארווערטס. וועגן לעצטן נומער ילקוט זענען אנגעקומען זייער גוטע אפקלאנגען, ער איז זייער גוט אויפגענומען געווארן, דאך דארפן מיר שטענדיק שטיין אויף דער וואך און שטרעבן אויסהויבן זיין ניווא. אזא כוונה פירט שטענדיק צו אינערלעכע ראנגלענישן, וואס זענען געוויינלעך פאזיטיוו און פרוכטבאר.

דאס פרווון אנאליזירן ארטיק־

לען און אופן פון שרייבן און שאַפן איז גאַנץ לעגיטים. אָבער עד היום איז מיר ניט קלאָר צי מ׳קאָן בכלל דערויף געבן אַ קלאָרע תשובה. דאָס איז דער סוד פון שאַפער, וואָס ס׳ניט אַזוי לייכט צו דערגיין. מ׳מוז ניט דווקא פאָדערן הונדערט פּראָצענט אויטענטישקייט אין יעדער אַרטיקל אָדער עסיי. דעם זעלבן אָביעקט זעט אַנדערש אַ פאָטאָגראַף און אַנדערש — אַ מאָלער. דער ערשטער ברענגט אונדז דעם אָביעקט ווי ער „גייט און שטייט", באַגרעניצט און אין אַ ראַם; דער מאָלער ווייזט אונדז נאָך עפּעס. דער רעאַלער קערן ווערט אינעם קינסטלערישן בילד באַגלייט פון נאָך אַ סך זאַכן, וואָס ס׳איבריק דאָ אויסרעכענען. מיר זענען אַלע מסכים אַז דאָס קינסטלעריש זען באַרייכערט אונדז, אין יעדן פאַל.

על כן, וואָס און ווי אַזוי וויל אונדז ווייזן דער ילקוט? — קודם כל ברענגט ער פאַר אונדז פרשיות פון דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער פון וועלכער פאַרגאַנגענהייט איז געווונשן, פון דער ווייטער צי פון דער נאָענטער? איך מיין אַז מיר דאַרפן זיך קאָנצענטרירן בעיקר אין אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. מיר זענען האָלאָוועשקעס, גראַטעוועטע פון פייער. די שארית הפליטה פון אַ גרויסער, גייסטיק רייכע, אומגעקומענע עדה — און אונדזער פליכט איז דערציילן פון אונדזערע אייגענע איבערלעבענישן. וואָס מיר האָבן אַליין געזען און געהערט. פון לעצטן דור וואָלינער ייִדן וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן. גזירת ת"ח־ת"ט און כמעלניצקי־פּלאָגן געהערן צו דער אַלגעמיינער ייִדישער געשיכטע און ניט מיר קאָנען צוגעבן צו די שוין באַוווּסטע פאַקטן. ווער ס׳וויל לערנען אויף דער טעמע פון ערשטן מקור — זאָל לייענען דאָס בוך „יון מצולה" פון נתן־נטע האַנאָווער, כראָניקער פון 16טן י. ה., וואָס האָט אַלץ פאַרשריבן פון יענעם דור פון „זען, הערן און געדענקען". נאָך פרטים פון יענער צייט געפינען מיר אין די שאלות־ותשובות־ספרים פון דע מלטיקע רבנים. דאָס אַנטדעקן נייע קוואַלן איז די אויפגאַבע פון היסטאָריקער. הגם אוקראַינע, און וואָלין, איז געווען דאָס שלאַכטפעלד פון די הײַדאַמאַקן מיט זייערע מוראדיקע „מעשים טובים" — איז ניט דאָס אונדזער ספּעציפישע אויפגאַבע. דאָך איז „ניט פאַרבאָטן" ברענגען אין ילקוט אַ נייע אָפּשאַצונג אין אַ פאַסיקער צייט אויך וועגן דער תקופה.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז עולים פון צפון־אַפריקע פאַרעפנטלעכן פעריאָדישע אויסגאַבן וועגן מאַראָקאַנער ייִדנטום; זיי זענען אור־אייניקלעך פון די שפּאַנישע ייִדן; צי וועלן זיי דעריבער ממשיך זיין און דערציילן וועגן די אינקוויזיציע־קאַשמאַרן? גירוש שפּאַניען איז די געשיכטע פון גאַנצן ייִדישן פאָלק. ווער ס׳וויל לייענען וועגן דעם פון ערשטן מקור — זאָל אַריינקוקן אין ספר „שבט יהודה" פון שלמה איבן־ווירגא, פון זיין זון ר׳ יוסף און דערנאָך פון זיין אייניקל ר׳ שלמה — אַלע פון 15טן י. ה.

דערפאַר זאָג איך אַז אונדזער פליכט איז דערציילן בעיקר, פון אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. היסטאָריאָגראַפיע וואָס געפינט זיך נאָך אין שמעלצטאָפּ און איז נאָך ניט קריסטאַליזירט. צו דעם בנין פאָדערן זיך נאָך ציגל. דאָס איז אַ פאַרגאַנגענהייט רייך אין פאַסירונגען און אַ ווענדפּונקט אין לעבן פון פאָלק.

אָט, צב"ש, דער קאָנפליקט צווישן חסידיזם און ציוניזם וואָס אונדזער דור איז געווען אַן עדות דערצו. מיר האָבן, וואָס אמת, געזויגן פון חסידיזם און געטרונקען פון זיין קוואַל. די דבקות אין געזאַנג און הורה׳ס פון די לעצטע דורות חלוצים; די נשמה־יסודות וואָס זענען אַריינגעוועבט אין אונדזערע ווערטן — אַ סך פון זיי קומען פון חסידישן איינפלוס. אָבער אין תוך איז ציוניזם געווען דער רוף פון אויפשטאַנד קעגן די „שומרי החומות", קעגן דאָס פאַסיווע וואַרטן אויפן קומען פון משיח׳ן און פאַרן נעמען אונדזער גורל אין אונדזערע אייגענע הענט.

השכלה און ציוניזם זענען געגאַנגען אין וואָלינער און אוקראַיינישע שטעטלעך האַנט־ביי־האַנט און צוזאַמענשטויסן צווישן זיי און חסידיזם און רביים האָבן דאָרט אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען און דאָס וואָס אונדזער דור קאָן נאָך דערציילן וועגן דעם איז וויכטיק ביז גאָר.

אָט — דאָס אויסוואַקסן פון העברעיישן שול־וועזן און זיין געשאַנק דעם וואָלינער ייִדנטום. דאָס איז געווען אַ שטראַל ליכט אין דער פינצטערניש אַרום. דאָרטן האָט מען פאַרפלאַנצט ארץ ישראל אין די קינדערשע הערצער. די העברעיישע שולן זענען דער קוואַל פאַר די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פאַר די הכשרה־קיבוצים. די לערער פון יענע שולן האָבן געדינט אַלס ביישפּיל פאַר זייערע תלמידים, זיי זענען די ערשטע עולה געווען. און אין לאַנד פון זייערע חלומות זענען זיי געוואָרן שטיינהאַקער, שאָסייבויער, זומפּנטריקענער א. אַז. וו. אויך דאָ האָבן זיי געדינט אַלס ביישפּיל פאַר די נייע עולים. די טעמאַ איז נאָך ניט געקומען צום אויסדרוק — און ווער וועט וועגן דעם דערציילן, אויב ניט מיר, וואָס האָבן געטראָגן אינעם יאָך?

און די זעלבסטשוץ דערשיינונגען, די הכשרה־נעץ איבער גאַנץ וואָלין, דער שרעקלעכער חורבן... ס׳זענען נאָך די וואָלינער שטעט און שטעטלעך וואָס האָבן נאָך ניט אַרויסגעגעבן יזכור־ספרים. אַ שאָד! סוף־סוף האָט יעדער שטעטל וואָס צו דערציילן פאַר די קומענדיקע דורות.

די געשיכטע ציט זיך ווייטער. זי וועבט זיך און קייטלט זיך אַלץ לויט אירע רינגען און ניט לויט קאָניונקטורעלע ווינטן, וואָס בלאָזן און גייען פאַריבער. יעדער דור דאַרף דערציילן וועגן זיך. בפרט מיר. אויב מיר וועלן זיך אָנשטרענגען און זייען — איז צו האָפן אַז ניט אויף פּוסט.

## ביכער וועגן געפאלענע זין פון וואלינער אין ישראל

אברהם ירון (תל-אביב)

# ספר יענקעלע אביתר

**יענקעלע אביתר (אפטער) (1932 — 1967). געפאַלן אין עמק דותן. אַרויסגעגעבן פון קיבוץ מעוז־חיים תשל״א (1967), 94 ז״ז, 27 בילדער, מאַפּע פון עמק דותן.**



„מאָנטיק, 5־טער יוני 1967.

...אונדזערע כוחות גרייפן אָן. אַ גרויסער פראַגע־צייכן אויף אַלעמענס פנים׳ער. שוין דאָ נצחונות...

„מיר ווייסן: ס׳קאָסט בלוט. אַ סך בלוט. אונדזערע יינגע זעלנער צאָלן מיט זייער לעבן פאַר יעדער נצחון. פאַר יעדן שפּאַן ערד...״.

דינסטיק, 6־טער יוני 1967.

דערציילט מנחם, פונעם פאַטרול (אָנגעשלאָסן אין דער 45־טער בריגאַדע):

„אין די מאָרגן־שעהן איז יענקלה מיט זיין גרופּע שוין געווען אין זשענין. מיטיק־צייט האָב איך אים געזאָגט, אַז מיר הויבן אָן פילן מידקייט. און ער: „איך בין שוין אַריבער דעם קריזיס. איך קאָן פאַרזעצן״...

שפּעטער האָט מען אויף יענקלען אַרויפגעלייגט אַ נייע אויפגאַבע. אויף דער צווייטער זייט פון פראָנט. זיין לעצטע אויפגאַבע... פאַרנאַכט איז יענקלע געפאַלן...

זיינע עלטערן, זיי ווייסן נאָך גאָרניט. פאַר זיי לעבט ער נאָך. און זיכער טראָגן זיי נאָך ביידע, די טאַטע־מאַמע, אַ שטומע־הייסע תפילה צום רבונו־של־עולם ערגעץ דאָרט טיף אין האַרצן. אָבער פרייטיק פאַרנאַכט, דעם 9־טן יוני ווערט אָנגעזאָגט איוב׳ס בשורה די עלטערן. 48 שעה בלויז פאַר זיין 35־טן געבוירנטאָג...

★

יענקעלע איז געבוירן דעם 8־טן יוני 1932 אינעם קליין וואָלינער שטעטל האָשט, וואָס צווישן ראָוונע, קאָריץ און אָסטראָה. נאָר 8 חדשים איז זיין קינדער־בעטל געשטאַנען אין האָשט. אָנהויב 1933, זענען זיינע עלטערן, וואָווע (זאב) און הינדא אפטער, יענקעלע און זיין עלטערע שוועסטער, עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

דערציילט אין בוך זיין מאַמע:

„...יענקעלע איז געווען אַ שוואַך קינד. די דאָקטוירים האָבן אָנגעזאָגט אים ניט לאָזן זיך אויפשטעלן אויף זיינע פיסלאַך. דאָך האָט ער „באַשלאָסן״, דעם היפך און פונקט צום יאָר האָט ער זיך געלאָזן גיין...״.

★

יאָרן לויפן. יענקעלע פאַרלאָזט די היים, די שטאָט, און גייט אַוועק אין קיבוץ. פאַרווירקלעכן יוגנט־אידעאַלן צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון „הנוער העובד״. דאָס איז געווען דער אָנהויב. שפּעטער שליסט ער זיך אָן אינעם קיבוץ מעוז־חיים, ווו ער בויט אויך זיין פאַמיליע־לעבן. דאָרט ווערן געבוירן זיינע קינדער און דאָרטן ווערט ער אויך געבראַכט אויף אייביקער רו...

צו 18 יאָר איז ער ישראלדיקער סאָלדאָט, ווי אַלע אַנדערע. מאַכט אַדורך מ״כ (אָפיציר)־קורסן.

שוין דאָ, נאָך זייענדיק אין דער קאַדעטן־שולע, גרייט אים צו זיין גורל, די ערשטע באַגעגעניש מיט די גולן־בערג. דאָס איז געווען אין 1951, ווען ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם אָנגריף אויף די סירישע מיליטער־כוחות, אין דער געגנט פונעם כנרת. וועגן אים און וועגן זיינע דעמלטיקע חברים אָנגרייפער, פאַרעפנטלעכט „במחנה”, דער פּאָפּולערער צה״ל־זשורנאַל (17.5.51) אַ וואַרעם אַרטיקל א. נ.: „אַ נייער דור פון קעמפער אין צה״ל”. יענקעלע ווערט אין יענעם אַרטיקל שטאַרק געלויבט פאַר זיין העלדישקייט און טאַקטישער אָנפירונג פון דער גרופּע קעמפער, וואָס האָבן גורם געווען אַז די סירישע כוחות זאָלן כאַאָטיש אַנטלויפן אויף דער צווייטער זייט גרעניץ.

★

מאַי־יוני 1967.

16 יאָר נאָך יענער באַגעגעניש מיט די גולן־בערג גרייט צו דער גורל יענקעלען זיין צווייטע באַגעגעניש מיט אָט דער געגנט. אָבער איצט איז ער שוין מער ניט קיין יינגל. אַ מאַן פון אַ געליבטער פרוי און אַ טאַטע פון צוויי קליינע זין. דאָס מאָל איז ער מאַיאָר און שטייט אין שפּיץ פון אַן אויסגעצייכנטער פּאַטרול־גרופּע. אַ סך האָט זיך אין אים געענדערט, אַ חוץ די שטענדיק פאַרחלומטע אויגן און דער שמייכל אויף די ליפּן... וואָס ס׳מאַכט טאַקע יענקעלען אַזוי באַליבט אויף אַלעמען.

ער אָרגאַניזירט זיין פּאַטרול־גרופּע און גרייט זי צו זייערע אויפגאַבן. אין דער לעצטער מינוט בייט מען אים זיין פראָנט. אָנשטאָט צו דער פּאָזיציע אויף די הויכע גולן־בערג, ווערט זיין בריגאַדע אַריבערגעוואָרפן אויפן פראָנט פון השומרון־עמק בית־שאָן, גאַנץ נאָענט צו זיין קיבוץ מעוז־חיים.

„...אַ סך בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן, און גרויס וועט זיין דער קרבן כדי פאַרזיכערן אויף ווייטער אונדזער עקזיסטענץ” — זאָגט יענקעלע צווישן אַנדערע ווערטער צו זיינער אַ שילערין אין קיבוץ (די לעצטע יאָרן איז יענקעלע געווען אַ לערער אין דער שולע פון קיבוץ מעוז־חיים). אָבער ער איז געווען זיכער אין אונדזער נצחון.

צוויי נבואות וואָס זענען מקויים געוואָרן.

**חברים דערציילן אין בוך וועגן יענקעלען**

מאָנטיק, דעם 5־טן יוני. אַ טאָג ווי אַלע פריערדיקע טעג. שפּעטער אַ ביסל, האָט יענקעלע צוזאַמענגערופן זיין אָפּטיילונג. ער איז מבשר אַ קורצע, שאַרפע ידיעה:

„מ׳בייט אונדז דעם פראָנט. מ׳גייט אויף ירדן. נאָך אפשר היינט ביינאַכט”. „לערנט גוט נאָך אַ מאָל אַלע טאָפּאָגראַפישע איינצלהייטן פון יענער געגנט. גוטע אָריענטאַציע האָט אַ סך צו זאָגן בעת מלחמה — אין קאַמף, איז ניטאָ קיין צייט און מעגליכקייט צו לערנען”...

12.03 אַ זייגער, אין מיטן עסן מיטיק, איז אָנגעקומען דער באַפעל: „געגאַנגען!”. מיר האָבן אַפילו ניט באַוויזן אויסוואַשן די כלים. יענקעלע איז אַרומגעפאָרן הין־און־צוריק ליינג אויס די גרופּעס און געגעבן אָנווייזונגען. ערשט ווען מיר זענען צוגעקומען צום שייד־וועג מגידו, האָבן מיר געהאַט עטלעכע מינוט כדי זיך אָרגאַניזירן...”.

מ נ ח ם: „...נאָכן איינגעמען עטלעכע אַראַבישע דערפער אויף יענער זייט פונעם „גרינעם פּאַס”, האָט אַן אַנדער כוח אונדזערער מאַרשירט פאַראויס אין דער ריכטונג פון עמק דותן. מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן ביים אָנהויב פונעם טאָל, און נאָר צוויי קליינע פּאַטרול־גרופּעס, מיט יענקעלען אין דער שפּיץ זענען פאַראויסגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון שייד־וועג קאַבאַטייאַ. דער הויפּט־כוח האָט לאַנגזאַם אַרויפמאַרשירט אויפן וועג שכם—זשענין, מיט דעם ציל, אַז אויך מיר זאָלן זיך באַוועגן אין ריכטונג צו קאַבאַטיער שייד־וועג. מיר האָבן זיך אָבער גלייך אָנגעטראָפן מיטן שונא און מיר זענען שטאַרק באַשאָסן געוואָרן. יענקעלע, וואָס האָט זיך געפונען אַ ביסל ווייטער פון אונדז, האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער האָט גלייך פאַרמירט אַ פּאַסיקע פּאָזיציע פאַר די צוויי טאַנקן, וואָס זענען מיט אים מיטגעפאָרן און מיר האָבן זיך געקאָנט ווי ס׳איז צוריקציען. דאָך האָבן מיר געהאַט אייניקע פאַרוווּנדעטע: איין טאַנק איז געבליבן שטעקן אין מיטן וועג.

ב ר י ג אַ ד י ר מ ש ה: „אין דותן זענען געבליבן שטעקן 4 טאַנקן. פון צוויי, האָט מען נאָך געקאָנט שיסן, אָבער די ירדנער האָבן געעפנט אַ גיהנם־פייער און ס׳איז אוממעגלעך געוואָרן זיך אַרויסרייסן פון די טאַנקן. ניט ווייט פון די טאַנקן, האָט זיך אויך פאַרהאַקט אַ קליינע פּאַטרול־גרופּע און ניט געקאָנט זיך דורכרייסן. דאָס אַרויסראַטעווען די פּאַטרול־גרופּע און מאַנשאַפט אין די טאַנקן, איז געוואָרן אַ פראַגע פון מינוטן. אָט די אויפגאַבע האָב איך איבערגעגעבן יענקעלען. כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס איז כמעט אַן אונמעגליכע אויפגאַבע, כ׳בין אָבער געווען טיף־איבערצייגט, אַז אויב כ׳וועל דאָס איבערגעבן יענקעלען, וועט ער שוין אויסגעפינען דעם פּאַסיקסטן און קורצסטן וועג, אַדורכרייסן דעם פייער־גאַרטל און אויספירן אַלץ ביזן סוף, אין דער בעסטער אָרדנונג...”.

ד ז ש אַ נ י — קאָמאַנדיר פון דער סאַפּערן־גרופּע: „... נאָך דעם ווי מיין קאָמאַנד־וואָגן איז צעשמעטערט געוואָרן, האָב איך זיך געלאָזט גיין צופוס אין דער ריכטונג פונעם וועלדל.

אויפן וועג האָב איך געפונען ליגן אַ געהרגעטן. כ'האָב אים ניט דערקאָנט. כ'האָב אַראָפּגענומען די אידענטי־בלעכלעך פון זיין האַלדז, און — דערקענט יענקעלען... ער איז ג ע ז ע ס ן גלייך און פאַרשטייפט. כ'וועל עס קיין מאָל ניט פאַרגעסן. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענ־קעלען, ער איז געשטאָרבן שטאָלץ, ווי אַ בוים...

„יענקעלעס טויט איז געווען אַ גרויסער פאַר־לוסט פאַר דער בריגאַדע, פאַר צה״ל, פאַר אונדז אַלעמען...״.

### אַ שטומער עפּילאָג

אויף דער לעצטער זייט פונעם בוך ווערט געבראַכט אַ בילד פון יענקעלעס קבר אין



קיבוץ מעוז־חיים. אויפן קבר שטייט זיין פאַר־יתומט טאַכטערל, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָך זיין טויט.

ביים לעצטן יאָרצייט, האָט זי שוין געוווּסט זאָגן צו די קינדער אין איר עלטער:

— קיינער זאָל דאָ ניט צוגיין. דאָ ליגט מ י י ן טאַטע!״.

נ. ל. (רמת־גן)

# ספר אברהם רענן

**אברהם רענן (פריש) ז״ל (5.5.1943 — 6.6.1967) געפאַלן ביים באַפרייען ירושלים. אַרויסגעגעבן פון קיבוץ השומר־הצעיר גלאון. 78 ז״ז. 23 בילדער.**

... ס'זענען דאָ לידער, וואָס מיט דער צייט, פאַמעליך, ווערן זיי געזוניין.
ס'גייט און ציט זיך מיך צום ים אַ טרויעריקער צוג פון וואָלקנס;
די יינגלעכס קברים וועלן שטענדיק פריש זיין
(פון איינליייטונגס־ליד אין בוך, פון נתן יונתן).



אברהם רענן ביים באַוואַסערן אין קיבוץ

„אַלץ איז אָפּהענגיק פון מזל — לויט חז״ל — אַפילו אַ ספר תורה אין היכל״. אַפילו ביכער אַרויסגעגעבן צום אָנדענק פון געפאַלענע זין אין ישראלס פּאָזיציעס. אַפילו דער א ו פ ן פון דערציילן וועגן זיי.

יוגנט אין קיבוצים אין ישראל קומען זיך צענויף פון צייט צו צייט כדי זיך אַדורשמועסן וועגן ענינים וואָס באַהערשן אונדזערע מחשבות און לאָזן אונדז ניט שלאָפן אין די נעכט. אָפּט־מאָל זענען די דאָזיקע שמועסן זייער וואָגיקע. אַזוי צב״ש זענען זייער פּאָפּולער געוואָרן און אַרויסגערופן שטאַרקע אָפּקלאַנגען אין ישראל און אויסער איר, די באַוווּסטע „שמועסן פון קעמ־פער״ פון יוגנט אין קיבוצים. איז דאָך די יוגנט אין קיבוצים דערצויגן אויף אויסגעטרוימטע אידעאַלן פון עלטערן וועגן ליבע צו מענטש און צו אַרבעט. און פון ישראלס פרייהייט. דערציִונג, וואָס אויך דער פרעסערישער ציניזם פון אונ־דזער תקופה קאָן איר ניט בייקומען. ניט אַזוי לייכט.

אָבער אויב ס׳וויל ווער קענען לערנען אָט די יוגנט, און במילא אויך די ייִנגלעך, וואָס זענען געפאַלן, וועט ער טון בחכמה, אויב ער וועט צולייגן אַן אויער צו אָפּגעהאַקטע רייד, וואָס ווערן געזאָגט אין אַזעלכע קרייזן, ווען זיי קומען זיך צענויף ניט דווקא שמועסן וועגן „גאָט און משיח׳ן״ נאָר וועגן זייער אַ געפאַלענעם חבר. די יוגנט קומט זיך ניט צענויף כדי צו „באַ־וויינען״ נאָר כדי, ווי שוין געזאָגט, זיך אַדורכ־שמועסן, און דערפאַר איז טאַקע דאָ וואָס צו הערן.

דאָס בוך, אָדער ביכל, צום אָנדענק פון אברהם רענן־פּריש, אַ זון פון וואָלינער עלטערן (אַלעק־סאַנדריע־לודמיר) איז דערפאַר, אַזוי מיין איך, איינס פון די איינדרוקספולע ביכער פון דעם מין, וואָס זענען אין אַ היפשער צאָל דערשינען אין ישראל, ווייל אין ביכל רעדן וועגן אים זיינע חברים וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געבוירן און געוואָקסן אין קיבוץ. און מיט אַזאַ ציבור חברים וואָס מאָלן, אָדער אַפילו שאַפן צוזאַמען, זייער אויטענטיש, קאָן קיין שום שריפטשטעלער־קינסטלער ניט קאָנקורירן. דווקא דערפאַר איז אַ שאָד, וואָס ס׳זענען ניט אָנגעגעבן די נעמען פון די שמועסערס, לכל־הפּחות די פּריוואַטע נעמען. לאָמיר געדענקען די „אמר ר׳ עקיבא״, „אמר רבא״, „אמר אביי״ א. אַז. וו. אין אַן אַנדער קאָלעקטיווער שאַפונג...

באַלד ביים אָנהויב ציטירט איינער אַ טאָכטער פון אַן אַנדער קיבוץ וועגן אַ צווייטן וואָס איז געפאַלן: „ווען ס׳גייט פון אונדז אַוועק אַ חבר, לעבט ער ניט מער צווישן אונדז, אַ חלק פון זיין פּערזענלעכקייט ווערט צעטיילט אין אונדז אַלעמען״. און דאָס איז געווי וואָס ער פילט. אברהמס אויסערגעוויינליך גוטהערציקייט און זיינע אַנדערע גוטע מידות — „ווי זיי וואָלטן געהאָלפן קריסטאַליזירן אונדזער געזעלשאַפט״.

זכרונות און געדאַנקען און פּערזענליכע איינ־דרוקן פון זיין קינדהייט אָן ביז זיין פאַלן, ניט אַלץ זייענדיק נאָך קיין פולע 24 יאָר, מישן זיך צוזאַמען, הגם מע רעדט וועגן יעדער לעבנס־תקופה באַזונדער. דערפאַר אָבער גייט אַדורך זיין לעבן פאַר אונדזערע אויגן ווי אין קאַליי־דעסקאָפּ. ווייס־שוואַרץ. ניט דווקא „כלו תכלת״, וואָס איז אוננאָרמאַל. פּונקט ווי אין תנ״ך וועגן אונדזערע אַלע גדולים. אָ, ביי דער יוגנט דאַרף מען זיך לערנען! אָבער אברהם רענן איז אַלע זיינען יאָרן געווען אַ ליכטיק ייִנגל, אַזוי אַז די קליינע שאָטנס פאַרלירן זיך במילא...

„...ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון דער שווערסטער אויפגאַבע... אַנדערע וואָלטן איבערגעקערט וועלטן. מ׳האָט זיך געפרייט ווען מ׳איז „פּטור געוואָרן פון אַ צרה״, ער איז גע־גאַנגען „אין דער צרה אַריין״ און איר גובר געווען. „...ער איז געווען אַן עקשן אין ג ו ט ן זין פון וואָרט״. „געשוויצט מיט בלוט״ — אָבער א ו י פ ג ע ט ו ן אין אַ ל ע אומשטענדן. „און ווער האָט ג ע ל ע ב ט כדי צו ה ע ל פ ן יענעם, אויב ניט ער?״. „סיי ביי דער אַרבעט, סיי נאָכדעם האָט פון אים געשטראַלט מיט גוט־האַרציקייט. ס׳ממש שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ אייגנשאַפט ווערט ניט אויסגעטרוקנט אין אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפט... כ׳האָב געפּרוּווט אים פאַרשטיין און ניט געקאָנט״. „איינמאָל, דערציילט ווער, האָט זיך אים איבערגעקערט אַ וואָגן מיט גרינס, איז וואָס מיינט איר האָט ער געטון? — ער איז געשטאַנען און געלאַכט, ווייל דאָס לאַכן איז געווען אַ חלק פון זיין כאַראַקטער״.

און וועגן זיין טויט:

„...מיר האָבן זיך צוריקגעקערט גאַנץ פרי אין לאַגער. עמיצער האָט מיר געזאָגט: „דו ווייסט, אברהם איז געפאַלן״. דער ערשטער געדאַנק מייַ־נער: פאַרוואָס דווקא אים? און דער צווייטער: ער האָט אַ ודאי געפּרוּווט לויפן עמיצן העלפן. איצט ווער כ׳הער דאָס אַלץ ווייס איך אַז כ׳האָב געקלערט ריכטיק. ס׳האָט זיך ביי מיר דערוועקט דער געדאַנק אַז תמיד ווערן געהרגעט די גוטע״.

די אַלע ציטאַטן זענען ניט מער ווי אַ טראָפּן אים ים.

און ווי אַזוי ער איז געפֿאַלן:

„ס׳שווער זיך דערמאָנען... יעדער האָט געזען נאָר וואָס אַרום אים... ביזן וועג קיין שכם...״. „כ׳געדענק, נעבן קלויסטער, אַלעכס האָט עמיצן געבעטן אַ שפּרונג געבן רופן פון דאָרט בענין. אברהם איז גלייך דורכגעשפּרונגען און געגאַנגען אים רופן...״. „...מ׳קאָן ניט זאָגן אַז יעדער האָט געלעבט נאָר פאַר זיך... כ׳ווייס, ער איז געגאַנגען דאָ, געלאָפן דאָרטן...״. „...ווען מיר זענען געקומען צום קלויסטער דאָרט, זענען חנוך און נתן געלאָפן פאָראויס. איך נאָך זיי. די פּראָבלעם איז געווען ניט פאַרלירן קאָנטאַקט, האָט מען געשריגן... פון אַלע זייטן... און וואָס כ׳געדענק דערנאָך, כ׳האָב פּלוצים דערהערט אַט די ווייי־קרעכצן. כ׳האָב ניט געוווּסט צי דאָס איז אברהם צי איתן...״. „...ער איז געווען פון דער צווייטער זייט בודקע, ער האָט דאַכט זיך געשריגן איין מאָל צי צוויי מאָל... מיר האָבן ניט געקאָנט זיך דערנענטערן. ער איז געקראָכן אַליין. ביזן ווינקל. מיר האָבן אים געהאָלפן אויפשטיין... ער איז געווען אין פולן באַוווּסט־זיין ניט געשריגן נאָר געזיפצט... ער האָט גע־פרעגט וואָס איז מיט די חברה... שטיל גע־קרעכצט... איך אויף זיין אָרט וואָלט געשריגן ביז אונטערן הימל...״. „מיר זענען ניט אַרויס־געגאַנגען. פייער האָט געשווענקט די גאַס...״.

אין בוך ווערן געבראַכט אויך זיינע בריוו פון די ערשטע טעג אָן אין צה״ל. פון שפּעטערדיקע תקופות אין צה״ל. זיינע לעצטע וואַרימע ליבעס־בריוו צו זיין יינגער פרוי. אין די אַלע שפּיגלט זיך אָפּ אַ גרויסע איידעלע נשמה, אויב כ׳מעג זיך אויסדריקן — פון די גוטע, וואָלינער נשמות וואָס מיר האָבן אַ מאָל געקענט. דאָס איז מ י י ן געפילט.

אין טרויער פון דער משפּחה און קיבוץ באַ־טייליקן זיך צווישן אַנדערע משה דיין, מנחם בעגין, מאָטיע גור, קיבוצים, אַנגעזעענע פּער־זענלעכקייטן, חברים און פריינט — און ווער ניט?

ס׳שליסן דאָס בוך רירנדע־איינגעהאַלטענע ווערטער פון דער מאַמען, אַ געבוירענע אינעם קליין וואָלינער שטעטל אַלעקסאַנדריע: „...ניט איין מאָל דאַכט זיך מיר: אָט עפנט זיך די טיר, און דו מיין ליבער זון קומסט אַריין, שטיל. דיין געשטאַלט איז איידל. אַ שמייכל אויף דיין אָפּ־געברענט פּנים פון אַ לאַנגן טאָג אַרבעט אין פעלד. צופרידן, וואָס דו האָסט ב אַ ו ו י ז ן עפּעס אויפטון אין אַזאַ טאָג... מיינע אויגן, וואָס זענען אויך געווען דיינע אויגן, בלויע, וועלן דיר מער ניט זען, מיין טייערער זון...״.




## אין דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע

★ אַ צווייטע לענגערע ידיעה פון ניו־יאָרק גיט איבער וועגן דאָס אויפשטיין דאָרט פון אַ וואָ־לינער פרויען־באַוועגונג לטובת דעם היכל ווהלין און אַנד. פאָנדן. ביז איצט האָבן זיך אַנגעשלאָסן פרויען: „טאַניאַ מילשטיין, דאָ־ראָטי גיבער, בעלאַ זאַפראַן, סאָ־ניאַ רעסניק, פּעני טובלין, הע־לען בעלל, אַננאַ געפּטער, אַננאַ גערשענזאָן, אסתר פירער, פרידאַ טשאַפּניק, לאַראַ איילבירט, עדנאַ טובלין, רחל אַקסעלראָד, סאַני קעץ א. אַנ. אַן אַרטיקל און ביל־דער לכבוד דער געשעעניש זענען לײַדער דערהאַלטן געוואָרן צו שפּעט — אין מיטן דרוק דעם ילקוט.

★ אַ קורצע ידיעה פון ניו־יאָרק (דערווייל אָן פּרטים) גיט איבער, אַז זונטיק, דעם 6טן יוני ד. י. איז דאָרט פאָרגעקומען די לעצטע פאַרזאַמלונג, דעם זומער, פון דער דאָרטיקער וואָלינער פעדעראַציע.

# יזכור־ספרים



לויצקער גרויסע שול. אין הינטערגרונט — דער שלאָס־טורעם

ועיה שיכאטאוו (ל. אנג'עלעס)

## ספר לוצק

יזבעריש־יידיש, — ארויסגעגעבן אין תל־אביב, יאר 1961, ז"ז 608, גרויסער פאָרמאַט.

„ספר לוצק" איז דאָס קאָלעקטיווע ווערק פון קרוב הונדערט באַטייליקטע פון ישראל, פאַראייניקטע שטאַטן, בראַזיל, פוילן, פראַנקרייך, קאַנאַדע און מעקסיקע.

דער ספר לוצק צייכנט זיך אויס מיט אַ סך מאַטעריאַלן און בילדער וואָס שפּילן אָפּ דאָס פּילפאַרביקע לעבן פון די יידן אין דער שטאָט.

מיט דער אַרבעט פון צוגרייטן דעם „ספר לוצק" צום דרוק האָבן אָנגעפירט לאַנד קאָמיטעטן און אָרטיקע קאָמיטעטן. די פּראַקטישע אַרבעט פון רע־דאַקטירן און ברענגען דעם מאַטעריאַל צום דרוק איז דורכגעפירט געוואָרן דורכן לוצקער קאָמיטעט אין ישראל. דער „ספר לוצק" איז אַ מצבה אויפן בית הקברות פון העכער 600 יאָר יידיש לעבן אין לוצק.

לוצק איז איינע פון די עלטסטע סלאַווישע שטעט אויף וואָלין, די שטאָט האָט זיך איז פאַרלויף פון יאָרן, אין פאַרשידענע פעריאָדן, געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די רוסן, פאָליאַקן, ווידער רוסן, און ווידער אין פוילן. נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, אונטער דער הערשאַפט פון קאָמו־ניסטישן רוסלאַנד.

אין יאָר 1931 האָט די שטאָט געציילט 20.000 איינוווינער.

די שטאָט לוצק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1000, יידן האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט אין פערצנטן יאָרהונדערט.

„די לוצקער יידן דערפילן שוין אין יענע יאָרן נוצלעכע אויפגאַבן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן און ווייזן אַרויס אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט און איניציאַטיוו פון ברענגען סחורות פון די מזרח לענדער".

מיטן וווּקס פון יידישן ישוב אין לוצק האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל יידישע בעלי־מלאכות, בפרט שניידער, קירזשנער, בעקערס, קצבים. אין אָנהייב פון זיבעצטן יאָרהונדערט גרינדן די יידישע בעלי־מלאכות זייערע אייגענע חברה (פאַריין) אין לוצק. לוצק איז געווען די ערשטע שטאָט אויף וואָלין וואָס האָט געשאַפן אַ יידישע קהילה. אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט איז די לוצקער קהילה געווען שוין אַ פאַרפעסטיקטע, מיט צדקה אינסטיטוציעס, אַ בית־מדרש און אַ גרויסע ישיבה. אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען אין ספר לוצק זענען געווידמעט די שולן און בתי־מדרשים.

די יידישע ליידן שפּיגלען זיך אָפּ אין די באַ־שרייבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידן זענען געווען דער שעיר לעזאזל פאַר די דורכפאַלן אויף די פראָנטן פון די רוסישע אַרמייען. די שטאָט לוצק איז אין יענע יאָרן איבערגעגאַנגען פיל מאָל פון די צאַרישע אַרמייען אין די הענט פון די עסטרייכער, און צוריק צו די רוסישע. די מלחמה געשעענישן האָבן זיך פאַטאַל אָפּגערופן אויף די יידן אין שטאָט.

די רעוואָלוציע אין יאָר 1917 האָט אַריינגעבראַכט צווישן די יידן פיל האָפענונגען, וועלכע זענען צום באַדויערן ניט דערפילט געוואָרן. אין יאָר 1918 האָבן די דייטשן אָקופּירט די שטאָט. פון יאָר 1919 באַלאַנגט לוצק צו דער אויפסנייַ געשאַפענער פּויל־ישער מלוכה. נאָך אין יאָר 1918, בימי אוקריינע איז אין שטאָט אויסגעוויילט געוואָרן אַ יידישע קהילה, בימי פוילן זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1928 דע־מאָקראַטישע וואַלן צו דער יידישער קהילה.

די ערשטע צייט בימי פוילן האָט די יידישע באַ־פעלקערונג געליטן פון עקסצעסן פון דער פּויל־ישער אַרמיי, אין אַ געוויסן טאָג האָט די פּוילישע מאַכט אַרעסטירט 5 יידן, צווישן זיי אַ פאָטער מיט אַ זון, באַשולדיקט זיי אין שפּיאָנאַזש, זיי זענען דערשאָסן געוואָרן, הגם זייער שולד איז ניט באַוויזן

געוואָרן. בימי פוילן האָט די יידישע באַפעלקערונג אין לוצק שווער געראַנגלט זיך פאַר איר עקאָנאָ־מישער עקזיסטענץ, און געקעמפט קעגן דיסקרי־מינאַציע. די פוילישע מאַכט האָט אומגעקערט דער שטאָט לוצק די ראָל פון דער הויפּטשטאָט אויף וואָלין. במשך פון דעם פעריאָד פון פוילישער מאַכט איז די צאָל יידן פאַרקלענערט געוואָרן צוליב דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק קעגן די יידן, ספּעציעל אויפן עקאָנאָמישן געביט.

באַזונדערס אין פעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות, טראָץ דער פויליש־אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק לגבי די יידן, האָט דאָס יידישע לעבן אין שטאָט געשפּרודלט אויף אַלע געביטן. פּאָליטישע פּאַרטייען פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען, פון עקס־טרעם רעכטס ביז לינקס, אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, דער בונד, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווי דער דערנערונגס־פאַראיין, דער בוי־פאַראיין, צו די דער־מאָנטע צוויי פאַראיינען האָבן באַלאַנגט יידן, פּאָ־ליאַקן, אוקראַיינער און רוסן. דער שניידער אַרבע־טער פאַראיין, דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַראיין. האַנטווערקער אָרגאַניזאַציעס, יידישע תרבות שולן, צישא שול, אַ יידישע געזעלשאַפטלעכע גימנאַזיע, ביבליאָטעקן, די יידישע קהילה, וועלכע האָט אויס־געאיבט אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן יידישן לעבן אין שטאָט, געזעלשאַפטן „אָרט" און „טאָז", ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, יידישע פּרעסע, יידישע קאָאָפּעראַ־טיווע בענק וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין אויפהאַלטן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אַלע שיכטן, פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ יידישער שפּיטאָל, אַ יתומים־הויז. די באַטייליקונג פון די יידן אין דער שטאָט פאַרוואַלטונג דורך זייערע אויסגע־וויילטע פאַרשטייער. אַ באַזונדער וויכטיקער מאָמענט אין יידישן לעבן איז געווען די פאַרצווייגטע יוגנט באַוועגונג פון אַלע שאַטירונגען. אין שפּיץ פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען געשטאַנען אַ ריי פערזענלעכקייטן, געזעלשאַפטלעכע טוער, רבנים, אַרבעטער טוער, רעפּרעזענטאַנטן פון דער יידישער געזעלשאַפט און אַנדערע אינסטיטוציעס און אָר־גאַניזאַציעס.

סעפּטעמבער 1939. לוצק ווערט באַמבאַרדירט דורך די דייטשן. דעם זעלבן מאָנאַט באַזעצט די רויטע אַרמיי וואָלין אין הסכם מיטן סטאַלין—היטלער פּאַקט. דאָס נאַציאָנאַליזירן פּריוואַטע אונטערנעמונ־גען טרעפט אַממיינסטן די יידישע באַפעלקערונג, עס ווערן ליקווידירט אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס. הונדערטער יידישע משפחות אין שטאָט מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען, מוזן פאַר־לאָזן די שטאָט אין הסכם מיט דעם סאָוועטישן פּאַספּאָרטיזאַציע געזעץ. עס ווערן אַרויסגעפירט קיין סיביר פיל יידישע משפחות, געוועזענע גבירים. די סאָוועטישע מאַכטן אָרגאַנען פירן דורך פיל אַרעסטן צווישן דער יוגנט.

אין יאָר 1941 ווערט לוצק פאַרנומען דורך דער היטלער־אַרמיי. יידן דאַרפן טראָגן געלע לאַטעס. דער נאַצי־היטלער מבול האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די יידן אין לוצק. טויזנטער יידן ווערן אומגעבראַכט.

אין דעצעמבער 1941 ווערן די לוצקער יידן פאַר־שפּאַרט אין געטאָ. די דייטשן לייגן אַרויף אויף די יידן שווערע קאָנטריבוציעס, יידן מוזן אָוועקגעבן אַלע זייערע ווערטפולע זאַכן.

יולי־אויגוסט 1942. די דייטשע מערדער ליקווידירן די לוצקער געטאָ. במשך פון צוויי טעג ווערן אין פּאָלאָנקאַ־גורקי אויסגעמאָרדעט 17 טויזנט יידן.

אין אומברענגען די לוצקער יידן האָט זיך באַ־טייליקט די אַרטיקע אוקראַיינישע באַפעלקערונג, ווי אין אַלע אַנדערע געביטן אויף וואָלין.

ווידערשטאַנד. ווי אַ סך יידן פון אַנדערע וואָלי־נער שטעט און שטעטלעך, האָבן אויך די לוצקער יידן געקעמפט קעגן דער נאַצי־אַרמיי אין די רייען פון דער פוילישער אַרמיי, אין דער רויטער אַרמיי, אין די פוילישע אַרמייען וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועט רוסלאַנד.

לוצקער יידן האָבן זיך באַטייליקט אין קאַמף קעגן די נאַציס אויך אין פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען.

★

די געציילטע לעבנגעבליבענע לוצקער יידן זענען צעשפּרייט אין פאַרשידענע לענדער אויף דער וועלט. אומעטום ווו זיי האָבן אויפגעבויט זייערע נייע היימען באַטייליקן זיי זיך אין פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי זענען אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע לוצקער קערפּערשאַפטן, האַלטן אָן דעם אָנדענק פון זייער פאַרשינטענער קהילה, פון זייערע משפחות.

די לעצטע ידיעה פון ישראל גיט איבער, אַז לוצקער עסקנים אין תל־אביב, האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין צווישן זייערע חברים וועגן צושטייער פון „עולי לוצק בישראל" צום וואָלינער וועלט־פאַר־באַנד; אַנטייל נעמען אין בויען דעם היכל ווהלין און אין אַרויסגעבן פון ילקוט ווהלין — אין וועלכן וואָלינער, אומעטום, זעען אַ שיינעם המשך צו אַלע יזכור־ספרים פון זייערע קהילות.

# פנקס קאָוועל

**אַרויסגעגעבן דורכן לאַנדסלייט־פאַראיין פון קאָוועל און אומגעגנט אין אַרגענטינע — בועניאָס־איירעס, 1951 יאָר, יידיש ז״ז 511.**

דער פנקס הייבט זיך אָן מיט אַ מצבת זכרון: „די אַרויסגעבער צאָלן דערמיט אַ הייליקן חוב צו דער על קידוש השם אומגעקומענער, און אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אומגעבראַכטער עדה יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער, קרובים און באַקאַנטע, עליהם השלום״.

אין פאָרוואָרט ווערט צ. אַנד. אָנגעגעבן, אַז מיט געמישטע געפילן פון ווייטיק, צער און **אחריות** טרעט מען צו אַרויסגעבן די הייליקע אַרבעט פון פאַראייביקן די יידישע היים־שטאָט קאָוולע.

צוליב מאַנגל פון היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן דער גרינדונג פון קאָוועל און אַ ריי וויכטיקע מאָמענטן פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, איז נישט אויסצומיידן געוויסע אומפינקטלעכקייטן, דאָך אָבער האָבן זיך די אַרויסגעבער באַמיט ווי ווייט מעגלעך געבן אַ בילד און דעם פּרצוף פון דער שטאָט אויפן סמך פון מאַטעריאַלן, בילדער, זכרונות און גבית־עדות.

אַ חוץ אַ קורצן און אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער אַנטשטייאונג און גרינדונג פון דער שטאָט קאָוולע, האָבן זיך די אַרויסגעבער, דער עיקר, פאַרנומען מיט באַשרייבן דאָס יידישע לעבן אין קאָוולע פאַר דער צייט בערך מיט 80—70 יאָר פאַר און בעת דעם חורבן.

לויט אַ לעגענדע איז דער נאָמען פאַר דער שטאָט געקומען צוליב אַ צופאַל, ווען אַ פּריצה איז דורכגעפאָרן יענע געגנט, און אַן אַקס האָט זיך צעבראָכן פון איר קאַרעטע, אַ פויער פון דער אַרומיקער געגנט, אַ קאָוואַל, האָט די אַקס פאַריכט, דער קאָוואַל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ באַלוינונג, וואונטשנדיק זיך די פּריצה זאָל אין דער געגנט שאַפן אַ ישוב, אַזוי איז געשען, דעם ישוב האָט מען אַ נאָמען געגעבן קאָוואַל, שפּעטער קאָוועל.

★

די שטאָט קאָוועל האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און פּראָגרעסירן אין די צייטן ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן בויען אַ ריי באַן־ליניעס אין דער געגנט, אין די ריכטונגען פון קיעוו דורך קאָוועל קיין וואַרשע, און קאָוועל — ברעסט־ליטאָווסק — וואַרשע.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, מיטן פאַרגרעסערן זיך פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך געשאַפן אַ נעץ פון פאַרשידענע יידישע דערציאונגס אַנשטאַלטן, ווי תלמוד־תורות, ישיבות און וועלטלעכע שולן.

גאַנץ אָנזעעוודיק איז געווען אין שטאָט דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז און דער אָנטייל פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין יאָר 1905.

ווי אין אַלע אַנדערע שטעט אויף וואָלין האָבן אויך אין קאָוועל עקזיסטירט פיל יידישע אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן און פאַראיינען. צווישן זיי, אַ יידישער שפּיטאָל, מושב זקנים, בית יתומים, לינת הצדק, „אָרט״, „אָזע״, אַ פאָלקס־באַנק, האַנטווערקער פאַראיין, סוחרים פאַראיין, אַ פאַראיין פון שכנים (לאָקאַטאָרן).

די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען אָרגאַניזירט אין אַלע אירע גרופּירונגען, ספּאָרט פאַראיינען. דער בונד איז געווען פון די ערשטע פּאָליטישע פּאַרטייען אין שטאָט.

אין קאָוועל, ווי אין אַנדערע שטעט אויף וואָלין, האָט זיך אויסגעטיילט די יידישע אינטעליגענץ אויף די געביטן פון דערציאונג, מעדיצין א. א., שרייבער, זשורנאַליסטן, דיכטער, ווי קלמן ליס, יונה ראָזענפעלד, זישע וויינפּער א.א.

ווייל קאָוועל איז געווען אַ צעטיילונגס פּונקט פון באַן־ליניעס אין פאַרשידענע ריכטונגען, איז די שטאָט געוואָרן מיט דער צייט אַ מין האַנדלס־צענטער. דאָס האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. די שפע איז געווען גרויס. יידן האָבן געהאַט פּרנסה, עס איז אָנגעגאַנגען און עס האָט פּולסירט אַ פּולבלוטיק יידיש לעבן אויף אַלע געביטן אין פולן זין פון וואָרט.

★

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914—1918, האָט זיך די לאַגע אין שטאָט פאַרערגערט, דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער פאַרמעגלעכער באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט די שטאָט, קאָוועל איז געוואָרן אָקופּירט דורך די דייטשן. אין שטאָט האָבן זיך דאַן באַזעצט פיל יידן פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. נאָך די דייטשן זענען געקומען די אוקריינער. דאָס האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. קאָוועל איז אַריבער צו פוילן. אונטער דער פוילישער הערשאַפט זענען שוין ניט געווען די פריערדיקע האַנדלס־באַציאונגען מיט דעם גרויסן רוסלאַנד, די שטאָט האָט אויסגעזען, ווי אַ יורד.

אין ווייטערדיקן גאַנג פון דער געשיכטע, איז די שטאָט קאָוועל, ווי אַלע איבעריקע געגנטן, איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, צו די אוקריינער, צו

דער רויטער אַרמיי, ווידער צו פּוילן און אַזוי כסדר. דאָס אַלץ האָט צעשטערט דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן פון דער שטאָט, צום סוף האָט זיך סטאַביליזירט די פּוילישע מאַכט. מיט דער צייט האָט זיך מער-ווייניקער אויך סטאַביליזירט דאָס יידישע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן.

אין איר דראַנג צו פאַרפּוילישן די געגנט, די א.ג. „קרעסן" (די פּוילישע באַפעלקערונג האָט אויף וואָלין אויסגעמאַכט בלויז 7%), האָט די פּוילישע רעגירונג אָנגעהויבן באַזעצן אויך די קאָוולער געגנט מיט נייע פּוילישע פאַמיליעס, אַראָפּגעבראַכטע פון די צענטראַלע פּוילישע געביטן, די א.ג. „אָסאַדניקעס." עס זענען געקומען די גוט-באַקאַנטע אַנטיסעמיטישע געזעצן, ספּעציעל אויפן עקאָנאָמישן געביט, די יידן זענען געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ מער פאַראָרעמט, צו יענער צייט, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין קאָוועל געציילט קרוב צו דרייסיק טויזנט נפשות. די לאַסטן פון די פאַרשידענע שטייערן האָבן שטאַרקן באַשווערט די אַזוי אויך שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע פון די קאָוולער יידן. אין יענע יאָרן האָט זיך פאַרשטאַרקט די יידישע עמיגראַציע אין פאַרשידענע לענדער.

די צווייטע וועלט-מלחמה, לויט דעם באַקאַנטן סטאַלין-היטלער אָפּמאַך איז די שטאָט קאָוועל באַזעצט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מאַנגל פון שפּייז, די האַנדלס געשעפטן זענען דורך דער מאַכט געשלאָסן געוואָרן. ניט „געוווּנטשענע" יידישע עלעמענטן זענען פאַרשיקט געוואָרן אין צפונדיקן טייל פון רוסלאַנד. די יידישע לערן-אַנשטאַלטן זענען געשלאָסן געוואָרן, דאָס יידיש-געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

אין יאָר 1941 ביים אויסברוך פון דייטשיש-סאָוועטישער מלחמה, איז דער דייטשישער לופט-פלאָט אָנגעפאַלן אויף קאָוועל, ווי אויף אַלע אַנדערע שטעט אויף וואָלין, די דייטשן האָבן באַזעצט קאָוועל, די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. אויפן באַפעל פון די דייטשן, איז געשאַפן געוואָרן אַ יודענראַט, יידישע פּאָליציי, עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פיזישע פאַרפאָלגונגען פון די קאָוולער יידן.

דעם 31-טן מאַי 1942 איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ פאַר די קאָוולער יידן. ריכטיקער צוויי געטאָס אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, דערביי זענען פאַמיליעס צעשיידט געוואָרן, אַ טייל אין איין געטאָ, און אַ טייל אין דער צווייטער געטאָ, אויף אַריבערציען זיך אין די געטאָס איז געגעבן געוואָרן אַ טערמין פון זעקס שעה צייט. צו די 24 שעה אין די געטאָס איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן דאַרפן זיך גרייטן צום אַרויספאָרן אויף „אַרבעט". אַרום ניין טויזנט יידן זענען דעם 2-טן יוני 1942 אָוועקגעפירט געוואָרן אונטער דער שטאָט נעבן דאָרף באַכאָוואַ, דאָרטן זענען שוין געווען גרייט גרובן, און אָט די גרובן האָבן די יידן זייער טויט געפונען. דעם 19-טן אויגוסט 1942 האָט מען אויף דעם זעלבן פלאַץ אומגעבראַכט די איבעריקע קאָוולער יידן.

די שטאָט איז אין פאַרלויף פון די מלחמה-יאָרן כמעט אין גאַנצן פאַרברענט געוואָרן. אין דער גרויסער שול האָבן די קאָוולער יידן איבערגעלאָזט אויפשריפטן אויף די ווענט: „יידן, נעמט נקמה פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט! יידן, פאַרגעסט ניט אין דעם, וואָס די דייטשן האָבן מיט אונדז געטאָן!".

★

דער פנקס קאָוועל איז באַגלייט מיט פיל דערינערונגען פון אַ ריי פערזאָנען. אין פנקס ווערן געבראַכט פיל בילדער, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס פילפאַרביקע יידישע לעבן אין שטאָט.

אַזוי האָט פאַר דורות עקזיסטירט אַ גייסטרייך יידיש-נאַציאָנאַל לעבן אין קאָוועל, אומגעבראַכט דורך די דייטשע רוצחים בימי היטלער.

דער פנקס איז אַ ווירדיקע מצבה צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידן אין קאָוועל.

## פון יידישן פאָלקלאָר אין וואָלין

דב גלבע (עכו)

פאַראומערט, פאַרכמאַרעט הייננט הימל, נעפּלדיק
מריב אין דרויסן.
פאַרגעלבטע, פאַרוועלקטע ליגן פעלדער,
פוסט-פאַרלאָזטע פליינען.
אין אָנגעשטאָפּטן שייער, פול מיט פּנאָפּעס שטויסן,
גאָלד-צייטיקע זאַנגען מיט קערנער-אויגן שיינען.
מיט צו אָנטבלויזטן קאָפּ, אָן דער ליינג-האַריקער
פּאַפּאַכע,

## דער ייד און דער מוזשיק

מיט רויט-צעפלאַמטע באַקן, ברייט צעבראַסטעטער
רובאַכע,
שטייט ניקיטאַ אַ דערהיצטער, פאַרשוויצטער,
פון באַגינען,
פאַרסאָפּעט, פאַרכליניעט, צעפּאַטלט די קודלאַטע
טשופּרינע,
העקעט און העכעט, הויבט און קלאַפּט מיטן שווערן
דרעשער,

און אין קאָפּ באַמבלען זיך טוצן אויסגעזשליאָקעטע פלעשער...

אין האַרצן ניקיטען עפּעס גריזיעט און נאָגט,
עקבערט אין מוח, דלוביעט און פּלאָגט...
ווי אומפאַרבראַנגטער דאָרן אין מדבר, אָן אויפהער
צו איזואַנען דעם שכן, פלאַקערט שנאה און אייפער.

אָט דער מערדער, דער אכזר! — שוין 3 יאָר באַלד,
אַזאַ שטיק פעלד באַראַבעוועט מיט גוואַלד,
און שטעכן מיטן מעסער נאָך געלאָפן —
אויף אַ האָר אין סאַמע האַרצן שיער געטראָפן.

ניט העלפן וועלן אים ויכוחים, הינט זאָלן זיך מיט אים פאַרנעמען;
אָן האַרטער ביין אַזאַ בעל־דבר — אַז ווערן זאָל ער איינגעזונקען!
מאָרגן אין שטאָט אויפן יריד עטלעכע זעק קאָרן מיטנעמען,
וועט זיין געלט אים אין „סוד" אַריינגעבן,
ס'איבעריקע ט'מען קענען פאַרטרונקען...

אויף צומאָרגנס אין דער פרי איינגעשפּאַנט האָט ניקיטאַ די פּאָר קאַשטאַנעס,
מיט אַ פולן וואָגן קאָרן גלייך פאָרפאָרן צו מאַשקע חנה'ס.
(מאַשקען נעבעך שוין געדרייט האָט דער קאָפּ אַ גאַנצע וואָך:
„ווו נעמט מען אויף שבת?..." גאָט אָבער פאַרלאָזט ניט דאָך).

„גוט מאָרגן דיר, מאַשקע! זעסט, דיך ניט אויסגעמיטן!
ווען נאָר עפּעס צו פאַרקויפן גלייך צו דיר פאָרפאָרן;
מאַ זיי זשע אַ גוטער סוחר, גיב אַ פּרייז אַ גוטן,
און איכ'ל נאָר מיט דיר האַנדלען — אויף אַלע יאָרן!"

לאַנג־לאַנג האָבן זיי זיך ביידע געאַמפּערט, געדונגען,
גערעדט, געטענהט־מענהט — ביז ס'איז ענדלעך געלונגען:
דריי רובל אַ פּוד, פּאָר קאָרן, ווי גאָלד —
דווקא אַזוי האָט ער געוואָלט!
ניקיטאַ איז קלוג... שווער אים צו ביינן —
אַ גוטן פּרייז ביים יידן אָנגעצויגן...

און נאָך אַ קליינעם תנאי האָט ניקיטאַ אויסגענומען:
אַז כדי צו באַרעכענען וויפל אים וועט קומען,
איז פאָר יעדן פּוד וואָס וועט ווערן אָפּגעווויגן,
זאָל מאַשקע אין פושקע אַ גריוונע אַריינלייגן.

מ'האָט זיך גענומען צו דער שווערער מלאכה,
אַ זאַק נאָך אַ זאַק אויף דער וואָג געלייגט.
מאַשקע, נעבעך, קרעכצט. „שווער"... „אַ מערכה"...
און אַלע מאָל אין פושקע גריווינקעס געלייגט.

ניקיטאַ זלידניאַק האָט זיך עפּעס באַטראַכט —
גריווינקעס פון פושקע שטילערהייט זיך שאַרט...
מאַשקע כיטראַק מיטן אויגל דערזען —
מאַכט זיך תמעוואַטע — ווייסט ניט וואָס און ווען...

ווען ניקיטאַ האָט שוין פאַרלאָדן
דעם באַרג ליידיקע זעק אויפן וואָגן —
מאַשקע־מאַלאַדיעץ... אַ טייער יידל, כ'לעבן —
אַ טיש מיט כיבוד ערשט גענומען ער אויפגעבן...

אַ טשאַרקע — אַ קוואַרט! אַ דרייפונטיקן טאָרט!
גיי גיב זיך אַן עצה מיט אַלעם — אַז עס סטייעט קיין אָרט...
ד'ערנאָך געמאַכט דעם חשבון, מיט ניקיטען זיך צעשיידט,
צו אַ קאָפּיקע באַצאָלט און אַהיים אַרויסבאַגלייט...

שפּעט ביינאַכט אַהיים איז ניקיטאַ אַהיים געקומען צופרידן,
גענומען דערציילן ווי ער האָט אָפּגענאַרט דעם יידן.
פאַר גרויס פרייד אין פּאַטיליצע זיך אויש גענומען קראַצן,
גענומען זיך ווערגן און שטיקן, קייכט — אָט וועט ער פּלאַצן.

אָנגערופן האָט זיך אָבער זיין עלטסטער זון:
„באַדענקט זיך, טאַטע, וואָס איר האָט געטון —
איר האָט דאָך גאָר זיך אַליין אָפּגענאַרט,
מיט דעם וואָס איר האָט די גריוונעס געשאַרט!
פאַר יעדער גריוונע באַקומען וואָלט איר 3 רובל —
איר האָט זיך באַנאַרישט, האָט אויף מיר קיין פאַריבל!
און איצטער — פאַרפאַלן! קיין עצה כ'לעבן!
איין אויסוועג — מאַשקען אין סוד אַריינגעבן".

★

אויף דער ברייטער גאַס אין שטאַטישן געריכט,
דער זאַל איז איבערפולט מיט יינג און אַלט געדיכט.
אַלטער קלוגער ריכטער, זיך זיצט אויפן פּאָטעל,
הערט אויס ניקיטעס טענות, שמייכלט צו און קוועלט.

ניקיטאַ האָט פאַרענדיקט שוין אַ פּאָר מינוט,
אַ שוויס־באַגאַסענער שטרענגט ער זיך אָן, אויסצוהערן גוט,
(ריכטער, דערוויל, האָט זיך אויף אַ ווילע פאַרקלערט)
און אָט וואָס פאַר אַן אורטייל ניקיטאַס אויער דערהערט:

„פאַרפאַלן, ניקיטאַ, דו האָסט פאַרלוירן!
ס'איז אַלעמען באַוווּסט פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן,
ס'איז אַן אַלטער כלל, אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט:
מאַשקע איז מאַשעניק, ניקיטאַ — גנב און דוראַק...



# שמואל פּיסיוק ז״ל - (1893 - 1971)

## ערשטער ראַט־פאַרזיצער פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד אין ישראל

נ. ליבנה (רמת־גן)

# דער סוד פון נדבנות

ווי אַ וואָלינער האָב איך פון אים געהערט אין וואָלין. באַקאַנט און באַפּריינדעט האָבן מיר זיך אין ישראל ווען ער האָט אָנגעפירט מיט איינע פון די „גרויסע" ראַטפאַרזאַמלונגען פון איגוד. צוזאַמען מיט אריה אבטיחי ז״ל האָב איך דעמלט רעדאַקטירט דעם ילקוט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קליינעם בויגן פּאַפּיר, פאַרשריבן מיט ראָוונער זכרונות און וואַרעם און בנעימותדיק מיר געדרוקט די האַנט.

לימים, ווען כ׳בין לײדער געבליבן איינזאַמער רעדאַקטאָר פון ילקוט, האָט ער מיך איין מאָל און אַ צווייט מאָל אָנגערופן אין טעלעפאָן. ער האָט מיט מיר וועגן וואָס צו רעדן.

ראשית, האָט ער מיר געוואָלט פּערזענליך דאַנקען פאַרן אופן ווי איך רעדאַקטיר דעם ילקוט. ער האָט שטודירט ליטעראַטור, און ליטעראַטור איז ביז היינט זיין האָבי. אַזוי, אַז ער האָט רעכט מיר „אַריינזאָגן" זיינע וואַרימסטע, ערנסטע קאָמפּלימענטן. והשנית, ער האָט געהערט אַז כ׳באַגעגן זיך פון צייט צו צייט מיט זיין בעסטן חבר און פריינט שמואל ראָזנהעק (איצט ז״ל) ווען ער באַזוכט תל־אביב (שמואל ראָזנהעק האָט פאַרעפנטליכט עטלעכע אַרטיקלען אין העברעיִש און יידיש אין די ילקוטים וועגן העברעיִישן דערציִונגס־וועזן אין וואָלין און געהאַט בדעה אָנהויבן שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען א.נ. „,גייסטיקע' סודות פון וואָלינער יידישע שטעטלעך". האָט לײדער ניט זוכה געווען). איז על כן וויל ער מיר בעטן אַז ווען ער וועט קומען זאָל איך אים באַלד מודיע זיין כדי מיר זאָלן זיך טרעפן צוזאַמען. און דריטנס... אָבער וועגן דעם האָט ער דערווייל ניט גערעדט.

דאָס איז געווען ערב חנוכת הבית פון היכל. ראָזנהעק איז געקומען צום חנוכת הבית. מיר האָבן באַשטימט זיך דאָרט טרעפן און איך האָב אים צוגעפירט צו פּיסיוקן. די באַגעגעניש צווישן די צוויי עלטערע, שוין דעמלט קראַנקע, חברים איז געווען רירנד. זיך געהאַלדזט און געקושט. דערנאָך האָב איך זיך דערזען אַרומגענומען פון זייביידן (מיר צו לאַנגע יאָר). כ׳האָב געהאַט דעם כבוד אַריינגענומען ווערן אין סוד פון זייער חברשאַפט...

★

נדבנות לשמה איז אַן אייגנשאַפט. כ׳וואָלט געזאָגט אַ גייסטיקע. און ווי אַלע אַנדערע אמת־גוטע אייגנשאַפטן אין מענטשן שטייט זי אויס פגעים פון דער צייט. דאָ, אפשר, ליגט דער סוד פון אמתער נדבנות. אין ילקוט האָבן מיר אַ מאָל פאַרעפנטלעכט זכרונות פון ה׳ שלמה צאַם פון טשעלסיא, מאַססעטשוסעטס, וועגן אַ יידישן נדבן אין וואָלינער שטעטל אָליק. ווען דער נדבן און זיין פאַמיליע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער פאַר די נאַציס און געהונגערט, האָבן זיך געפונען אין שטעטל עטליכע יינגע בחורים וואָס האָבן געוואָלט אים אָפּצאָלן פאַר אַלע זיינע טובות און אים אונטערגעוואָרפן אַ זעקל, צי אַ האַלב זעקל, מעל וואָס זיי האָבן אַרויסגעגנבהט פון דער מיל וואָס האָט געהערט צום נדבן און די געסטאַפּאָ האָבן איר „אַוועקגעשענקט" „זייערע" אוקריינער. דער נדבן האָט אַ טייל פון דער מעל מנדב געווען פאַר אַנדערע נצרכים...

שמואל פּיסיוק איז געווען אַ נדבן פון זיין נאַטור. ער האָט געגעבן ניט נאָר אין ראָוונע, ווען ער איז געווען אימשטאַנד צו געבן, ער האָט געגעבן אויך אין תל־אביב, ווו זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז ניט געווען דווקא אַזוי גלענצנדיק... ער האָט אויך געהאַט השפעה אויף אַנדערע געבערס. וועגן ראָוונער, סוד׳ען זיך וואָלינער, אַז געוויינלעך, „האַלטן זיי צו דעם בייטל". זאָלן מיר מוחל זיין מיינע ראָוונער

פריינד פאַר מיין שרייבעכץ. איך אַליין מיין אַז דאָס איז רכילות, ווייל ווען שמואל פּיסיוק האָט באַזוכט זיינע לאַנדסלייט אָדער זיי אָנגערופן אויפן טעלעפאָן און געזאָגט אַז מ׳ד אַ ר ף געבן, אויפן היכל צי אויף אַנדערע צוועקן — האָבן זיי געגעבן — ממש.

ער איז געווען דער איינציקער נאַטירליכער קאַנדידאַט אַלס פאַרזיצער פון „גרויסן" וואָליינער ראַט אין ישראל. ער האָט מצליח געווען צוליב דריי טעמים: פלעג עפּענען און רעדן קורץ; זיך באַמיט שטענדיק אָנווייזן אויף אַ קלאָרן וועג און — ווייל ס׳ניט געלעגן אין זיין נאַטור פירן אַ פאַרזאַמלונג מיט אַ „שטאַרקער האַנט", ווי ס׳נויטיקט זיך מערסטנטייל — פלעג ער איבערגעבן דאָס פירן דעם פּראַזאַאישן טייל פון דער פאַרזאַמלונג דעם פאַרזיצער פון פּרעזידיום אָדער אַן אַנדערן. אַזוי אַרום האָט ער זיך קיין מאָל ניט „איינגעקויפט" קיין „אומזיסטע שונאים", ווי דער שטייגער ביי אונדז, און זיינע דערמונטערנדיקע דערעפענונגס־ווערטער האָבן ווי אָפּגעהילכט בעתן גאַנצן לויף פון דער פאַרזאַמלונג און ווי אויסגעמיטן צוזאַמענשטויסן צווישן חברים פון פאַרשידענע וואָלינער פאַרבאַנדן, בעת וואַרימע מיינונגען־אויסטוישן.

אין זיין פּריוואַט לעבן איז ער געוויס געווען ניט ווייניקער גוטמוטיק. אָפּגעהיט שטענדיק פון זיין געטרייער לעבנס־באַגלייטערין אין ישראל ח נ ה און אַרומגערינגלט אין דער עפנטלעכקייט פון ראָוונער און אַנדערע ידידים, האָט ער זיך געפילט באַרויִקט און זיכער. אפשר ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן. זיין צער אויף זיינע צוויי אומגעקומענע קינדער דורך די נאַציס איז געווען טיף און אין לשער. דאָך איז ער געבליבן טאַטע. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַלס אַ טאָכטער זיין שוועסטערס טאָכטער וואָס איז לעבן געבליבן נאָך דער מוראדיקער היטלער־שחיטה. ער האָט זיך געזען אַלס איר געטרייער פאָטער.

דאָס איז, דרך אגב, אַ וווּנדערלעך קאַפּיטל פאַר זיך. זיין „נייע" טאָכטער איז דאָך די שריפטשטעלערין יהודית סטריק־דריבבען. עולה געווען אַלס זיין טאָכטער אין 1946. געווען סרן אין צה״ל און געקעמפט אין נגב אין מלחמת העצמאות. געווען איינע פון די 19 גרינדער פון שדה־בוקר. אַלע 19 זענען אַרויסגעפאָרן לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן נייעם, אייגנאַרטיקן קיבוץ, טאַקע פון זיין וווינונג אין תל־אביב. מיט דער צייט האָט זי אַדורכגעמאַכט אַן אָפּן־האַרץ־אָפּעראַציע, און דאָס האָט אים געמאַכט זאָרגן אויפ׳ס׳ניי. אָבער ער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד ווען איר בוך “and some shall live“ איז דערשינען, אין 1969 אין ישראלדיקן פאַרלאַג (כתר־ביכער) פאַר וויסנשאַפט־איבערזעצונגען אין פרעמדע שפּראַכן, אין ירושלים. אין אַ יאָר אַרום איז דאָס בוך דערשינען פאַרגרעסערט, פאַרבעסערט און אילוסטריט אין ניו־יאָרקער Cowles Book Company אונטערן נאָמען:

“Girl called Judith Strik”

מיט אַ וואַרעמער הקדמה פון גאָלדע מאיר. יענער טאָג איז געווען איינער פון די גליקליכסטע טעג אין לעבן פון שמואל פּיסיוק.

דאָס איז אויך געווען די דריטע סיבה וואָס ער האָט געוואָלט, אין אָנהויב פון אונדזער פריינדשאַפט, זיך באַגעגענען מיט מיר, און געהאַלטן עס בסוד ביז דאָס בוך איז דערשינען.

זלמן ראַזאַווסקי (תל־אביב)

# די אידעאַלן פון שמואל פּיסיוק ז״ל

אַ זון פון ציוניסטישע עלטערן אין ראָוונע און אַליין — אַן אַלטער ציוניסט. אַ פאַרמעגליכער מענטש, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט זיינע מעגליכקייטן כדי העלפן אַנדערע. און וואָס געדענקען ניט אַלץ ראָוונער אָפּשטאַמיקע וועגן אים.

ער האָט געשטיצט די ראָוונער תרבות גימנאַזיע; די נאַציאָנאַלע פאָנדן; אַלע צדקה־אַנשטאַלטן אין שטאָט. ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון ספּאָרט־פאַראיין חשמונאים אין ראָוונע און געווען פון די הויפּט־קעמפער דאָרט פאַר יידישער רעכט אויף דעם געביט. געווען וויצע־פּרעזידענט פון האַנדלס־קאַמער אין לובלין אַלס פאָרשטייער פון וואָלין. געשטיצט זייער פיל יידישע אַרטיסטן: שוישפּילער, זינגער, מאַלער א. א.; עוסק געווען אַלע זיינע יאָרן דאָרט אין גמילות חסידים און מתן בסתר.

זיין וועג קיין ארץ־ישראל האָט אים געפירט דורך אַ שווערן גלות אין סאָוועטישע לאַגערן און ווען זיין זון און טאָכטער זענען אומגעקומען דורך די נאַציס, האָט אים באַהערשט אַ מין האָפנונגלאָזער צושטאַנד. אָבער דער טיפער יידישער אָפּטימיזם האָט אין אים גובר געווען. אים אָפּגעהיט פון יאוש, און אַזוי ביז זיין פּערזענליכער גאולה — זיין עולה זיין קיין ישראל. אין דעם קאַפּיטל קאָן ער דינען אַלס ביישפּיל פון יידישן ליידן־אויסדויער אין אונדזער דור.

אין ישראל האָט אים באַהערשט אין גאַנצן דער געדאַנק פון פאַראייביקן דעם זכר פון די היטלער־קדושים און — פון אַ פאַרברייטערטער עליה. זיין גאַנצע ענערגיע און געדאַנקען גאַנג זענען געווען געווידמעט אָט די צוויי אידעאַלן. צוזאַמען מיט אבטיחי און בערגער ז״ל און אַנדערע, איז ער געווען פון די ערשטע איניציאַטאָרן פון בויען דעם היכל יהדות וואָלין; געווען פאַרזיצער פון ראָוונער פאַרבאַנד אין ישראל און ערשטער פאַרזיצער פון ראַט פון ישראלדיקן צענטער פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד.

געווען אַ יודע ספר, אָנגעזאַפּט מיט יידישער און רוסישער קולטור און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ טיפּ פון אַ וואָלינער אינטעלעקט — אָבער אויך פון דער פּראַקטישער זייט. געווען אַ שטאָלצער ייד, אָבער אויך אַלס מענטש. געווען סיי אַן אוהב ישראל סיי אַ מענטשן ליבהאָבער. ערליך ביז גאָר. זיך געהאַלטן פשוט, עניוות׳דיק. אַן אמתער גוטער פריינט. אָפּגעגעבן יעדן דעם געהעריקן כבוד און דער ערשטער אַ ברייטן שלום עליכם. פאַרמאָגט אַ וואַרים האַרץ און אַ טיפן חוש פאַר הומאָר. זיך קיין מאָל ניט געשעמט אויסדרוקן זיינע געפילן און באַטאָנען זיין אייגענער טראַגעדיע. זיך אויך ניט געשעמט לאָזן אַ טרער בפרהסיא. און ווען ער האָט באַוויינט אויף אזכרות ראָוונער קדושים, האָט ער אויפגעשטורעמט זיינע צוהערער.

אויך זיין שווערע קראַנקהייט האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פון קומען אויף אונדזערע אזכרות און פאַרזאַמלונגען. געזאָרגט וועגן דער איינריכטונג פון צימער א. נ. פון ראָוונער קהילה אין היכל און צוגעצויגן צו דער אַרבעט דעם זעליגן אַרכיטעקט ספיר. פלעג אַנטלויפט פון כבוד. ווען ער האָט געפילט אַז ס׳איז שווער ממשיך זיין זיין אַרבעט פאַרן איגוד, האָט ער געבעטן איבערגעבן אויך זיין טיטול זיין ממלא מקום. אָבער זיך ניט אויפגעהערט אינטערעסירן מיט אַלע לויפנדיקע ענינים אין פאַרבאַנד און איגוד. כמעט ביז זיין לעצטן טאָג.

# אין וואלינער וועלט־פארבאנד אין ישראל

★ איינע פון די וויכטיקסטע באַשלוסן פון די נייע אָנפירערשאַפט פון פאַרבאַנד איז געווען דער באַשלוס נאָרמאַליזירן פאַר יעדן פרייז די באַציונגען מיט דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע און גרינדן די געזעלשאַפט וואָס זאָל אָנפירן מיטן היכל. ס׳זענען אויסגעווילט געוואָרן די ישראלדיקע חברים וועמענס נעמען ס׳אָנגעגעבן געוואָרן דער פעדעראַציע; ווען ס׳וועלן אָנגעגעבן ווערן אויך די נעמען פון די פעדעראַציע־פאַרשטייער וועט די געזעלשאַפט פאָרמעל געגרינדעט ווערן.

★ דאָס אויסהאַלטן פון היכל אויסער די חובות (ליכט, וואַסער, טעלעפאָן, רייניקונג, סעקרעטאַרין און הויז־פאַרוואַלטער), בילדעט אַן אויסגאַבע פון 1.000 דאָלאַר אַ מאָנאַט; צו דעם צוועק איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל. דער וויכטיקסטער פונקט פון טאָג־אָרדענונג איז דאָך געווען אַ מער גייסטיקער: פאַרוואַנדלען דעם היכל אַלס צענטער פון וואָלינער יידנטום אין אַלע לענדער און אַלס מוזעאום פון רייכן פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן אין וואָלין (פאַראייביקונג פון יוגנטליכע; שריפטשטעלער; גייסטיקע מנהיגים א.אַז.וו.). ס׳זענען אויך אויפגעשווומען פאַרשלאָגן ווי אַזוי צוציען אין היכל דעם ישראלדיקע דור, ס׳הייסט די קינדער פון וואָלינער.

★ טראָץ דער שווערער פינאַנסיעלער לאַגע איז באַשלאָסן געוואָרן אויסענדיקן דעם אולם־הנצחה (פאַראייביקונג־זאַל) און פאַרשטאַרקן די קולטורעלע אַרבעט אין היכל, לויטן פּלאַן פון דער קולטור־קאָמיסיע אונטער דער לייטונג פון ה׳ משה בורקא; עפענען די ביבליאָטעק און לייען־זאַל אין היכל און נאָרמאַליזירן דאָס שטענדיקע אַרויסגעבן פון „ילקוט ווהלין", וואָס פאַרבינדעט וואָלינער יידן אין דער וועלט און ברענגט פון יידישן לעבן, געשיכטע און גייסט פון וואָלינער יידנטום.

★ די בוי־קאָמיסיע אונטער דער לייטונג פון פאַרזיצער ה׳ זאב אפטער האָט אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אויסענדיקן דעם „אולם התיחדות" און אויסשטעלונג־זאַל.

★ פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אָנגעהויבן אָפּהאַלטן זייערע אזכרות, צוזאַמענטרעפן, מיטינגן, זיצונגען א.אַז.וו. אין היכל. ביז איצט: קאָוועל, האָשט, אוסטראה, לויצק, בערעזנע, ראָוונע, לודמיר, ראָקיטנע, קרעמעניץ, אַלעקסאַנדריע א״אַ.

★ ס׳זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אזכרה־אָוונטן צום אָנדענק פון טאַניאַ טשעקווער ז״ל, צבי בערגער ז״ר און שמואל פיסיוק ז״ל.

★ דעם 2טן מאַי ד. י. איז פאָרגעקומען אין היכל אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג לכבוד צענדליקער לויצקער געסט פון בראַזיל, בראָש ה׳ מאָטיע גייער. פריינט גייער האָט אויפגעטון זייער פיל צווישן וואָלינער און בפרט לויצקער יידן אין בראַזיל פאַרן אויפבוי פון היכל. ער האָט אין נאָמען פון דער גרופּע געסט געדאַנקט פאַר דער וואַרימער, אימפּאָזאַנטער אויפנאַמע און צוגעזאָגט אַז ווען זיי וועלן צוריקקומען אַ היים, וועט ער און אַלע זיינע חברים אַלץ טון, כדי אויסענדיקן דעם היכל. ה׳ יהושע געלין (לויצק) האָט אויסגעדריקט זיין ווילן ווירקן אויפן לויצקער פאַרבאַנד אין ישראל צושטיין צום וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד און ווערן פולע שותפים צום היכל און צום ילקוט.

האַרציקע ווונטשן אונדזערע פריינט

**רות און חנוך ברענער, תל־אביב**

צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **וורדה** מיט
איר אוסדערוויי׳ **דויד בר־ניב**

**דירעקציע און פרעזידיום פון וואָלינער פאַרבאַנד**
**אין ישראל**
**רעדאַקציע־קאָלעגיום פון ילקוט ווהלין**

---

אונדזערע חשובע לאַנדסלייט

**רות און חנוך ברענער**

**אַ סך ברכות**

צו זייער פירן אין אַ מזל׳דיקער שעה צו דער חופה זייער טאָכטער
**וורדה** מיט איר באַשערטן **דויד**

**טאָרטשינער וואָלינער סאָסייעטי**
**אין די פ״ש פון אמעריקע, נ. י.**

---

**חנה און אברהם גערשענזאָן, ברוקלין, נ. י.**

ווונטשן אַ האַרציקן מז״ט זייערע גוטע פריינד

**רות און חנוך ברענער, ת״א**

צו דער חתונה פון זייער יונגער טאָכטער **וורדה** און **דויד**

דעם 29טן יוני, 1971 אין ר״ג, ישראל

---

דער ליבער פאַמיליע **ברענער**, ת״א

**ברכות און הצלחות**

צו דער חתונה פון זייער טאָכטערל **וורדה** מיט **דויד בר־ניב**

**דינה (דאָראַתי) און ד״ר מרדכי־יונה גיבור**

האָליווּד.

# עקספּאָרט פון

## $ 20,684,066

**דער עקספּאָרט אין 1971 וועט ווייזט אויס דערגרייכן די סומע פון**

## $ 35,000,000

**ס'זענען אַריבער בלויז 3 3/4 יאָר**
אַנגעהויבן קליין אין צווייטן האַלבן יאָר 1967, ווען מיר
האָבן עקספּאָרטירט פּרויען־זאָקן־אויזן פאַר 1 מיליאָן $
און אַזוי ביזן עקספּאָרט אין 1970 פאַר
**$ 20,000,000**

**דער עקספּאָרט אין 1970 האָט אונדז געבראַכט דעם טיטול :**

**דער גרעסטער עקספּאָרטער אין מדינת ישראל !**

**גבור** טעקסטיל אונטערנעמונג, למ"ד.



# צינקל בע"מ

**פּראָדוצירער פון מעטאַלענע ראָרן**
**לייכטע און באַוועגלעכע**

1) באַוואַסערונג ראָרן, אלומיניום, 1½" ביז 14" ביז 18 מ' לענג.
2) בוי־ראַמען פון אלומ. פענצטער, טירן, מחיצות, פּראָנטן.
3) פּראָפילן פון אלומ. פאַר פאַבריקאַציע און אַרכיטעקטור.
4) פלאַכע אַלומ.־בלעכן, געקייקלטע, געשרויפטע און שוואַרצע 1½"-2".
5) גאַלוואַניזירטע אייזן־ראָרן, געשרויפטע און שוואַרצע 1½"-2".

**טעכנישער אָפיס : תל־אביב, רחוב העליה 33, טעל. 824790, 822048**

**פאַבריק און אַדמיניסטראַציע : נייער פאַבריק־צענטער אין פּתח־תקוה,**
**טעל. 1־2־3־4־913355.**


דפוס „אות", תל־אביב, רח' וולפסון 48.